STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03426

GEZAMLTE DRAMEN

B. Daymondshteyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאמלטע דראַמען

פון

ב. דיימאָנדשטיין

ערשטער באַנד

אלע סקולפטורן אין דעם בוך זיינען געמאַכט פון ב. דיימאָנדשטיין

פאַרלאַג „ליטעראַרישע העפטן"

טאָהאָנגא 1951 קאַליפאָרניע

GEZAMELTE DRAMES

Collected Dramas

Volume One

אין אָנדענק די אומגעקומענע פון מיין געבורטסשטאָט „האָמליע"

Copyright by
B. DIMONDSTEIN
10143 Montair Ave.
Tujunga, Calif.
1951

ECONOMY TYPESETTING SERVICE
244 HARLEM PL.
LOS ANGELES, CALIF.

111

במקום הקדמה

מיינע דראַמאַטישע שאַפונגען זיינען געשריבן געוואָרן אין מיינע יונגע יאָרן (אונטער צוואַנציק און צווישן די ערשטע צוואַנציקער יאָרן). מיין ערשטע שאַפונג, ווען איך בין אַלט געווען אַכט יאָר, איז אויך געווען אַ דראַמאַטישע אַרבעט, וואו איך האָב באַשריבן אַ חלום, און האָב ניט נאָר געשריבן די ווערק, נאָר בין אויך געווען דער „דירעקטאָר־פּראָדוסער" און אנטייל גענומען אַלס אַקטיאָר: — אומגלויבעלך? אַ? אָבער ס'איז אמת!

איך האָב פילע זאַכן כמעט פאַרגעסן, הגם איך געדענק וועגן מיר אַלס קינד פון דריי יאָר אַלט. האָט מיינער אַ שוואָגער, אַ לאַנדסמאַן, מיך דערמאָנט פון מיין טעאַטער: ער האָט זיך אַריינגעגנבעט, האָט ער געזאָגט, אָן געצאָלט. ער איז אין איין עלטער מיט מיר און וואוינט איצט אין מיין שטעטל טאהאנגא.

אין די יאָרן ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָט מען ניט געוואוסט פון קיין פּראָלעטאַרישע שרייבער. אין יענער צייט, אין יענער תקופה, זיינען זיי געווען רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער שרייבער, רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן פאַרן סאָציאַלן אויפלעבן: ווי באָווסשעווער, עדעלשטאַט, ראָזענפעלד, ווינטשעווסקי א.אַנד.

אויף מיר האָט אברהם רייזען געהאַט אַ גרויסע השפּעה נאָך אין מיינע קינדער־יאָרן.

מיר זיינען קיין אַנדערע טעמעס ניט געלעגן אין דמיון, אין מוח, ווי נאָר דאָס אַרבעטער־לעבן: נויט, הונגער און רעוואָלוציע. אין מיינע לידער, ראָמאַנען, דראמעס, דערציילונגען — זיינען דורכגעווייקט און אויסגעקנאָטן מיט קלאַסן־קאַמף, קלאַסן אונטערשייד און רוף צו סאָציאַלער גערעכטיקייט, — ווייל, אַלס קינד נאָך, בין איך שוין געשטאַנען אין קאַמף קעגן די צאַרסקע קאָזאַקן . . . מיינע שלייפן זיינען און טראָגן דעם אייביקן צייכן פון זייערע נאַגאַיקישע קלעפּ, און האָב אויך דורכגעמאַכט עטלעכע פּאָגראָמען, וואו איך, הגם נאָך יונג, האָב שוין געהאַט אַ פירנדע ראָלע אין דער „סאַמאָ אבאָראָנע" און בין אויך געווען אַ פירער אין דעם יונגן „בונד" און דער גרופּע צוקונפטיקע רעוואָלוציאָנערן. אין ווייניק יאָרן בין איך פאַר אַלץ אַלט געווען, און וואו אַ קאַמף — אויף באַריקאַדן — דאָרט בין איך געווען!

אין מיין ערשטן טייל פון דעם גרויסן ראָמאַן, וואָס איך שרייב איצט — דער ערשטער טייל, וואָס האָט זיך געדרוקט אין 4 פאָרזעצונגען אין די „ליטעראַדישע העפטן", וואָס דאָס זיינען עפּיזאָדן פון אמתן לעבן פון מיין יוגנט, הגם דאָס זיינען פראגמענטן — ווען איך וואָלט אלעס באַשריבן ווי א פולע אויטאָביאָגראַפיע וואָלט עס פאַרנומען טויזנטער זייטן פון מיין קינדהייט אַליין, — וואָלט מען געמיינט, אַז איך האָב דאָס אויסגעטראַכט — פיקציע . . .

אַלזאָ בין איך געוואָרן, ווי מען רופט עס היינט: אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנערער מחבר אין אַלע מיינע שאַפונגען.

5 פון די ניין איינאַקטערס זיינען שוין געדרוקט געווען אין בוך־פאָרם. איין איינאַקטער, „דער פאַרלאָרענער זיג", האָט „גורעוויטש פאַרלאַג" אַרויסגעגעבן אין 1913־14 און פאַרקויפט דריי טויזנט עקזעמפּלאַרן. פיר איינאָקטערס זיינען אַרויס אין אַ בוך פון הונדערט זייטן, פונקט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אונטערן טיטל „נייע וועלטן" (אין יענער תקופה איז דאָס געווען נייע וועלטן!).

איצט האָב איך קאָמפּאַקט 9 איינאַקטערס אין קאַרגע הונדערט זייטן, פשוט

דאָפּלטע זייטן. ביים איצטיקן יקרות דאַרף מען ניט פאַרשווענדן, ווי אַנדערע פּאָעטן דרוקן, עטלע שורות אויף אַ זייטל, און מען רופט עס אַ בוך! איך דרוק אַלע מיינע ביכער אין זעלביקן פאָרם און אין זעלביקן פאָרמאַט, צוגענגלעך פאַרן לייענער. און זאָל דער לייענער דאָס האָבן אין אַכט, אַז יעדעס זייטל האָט טאַקע צוויי זייטלעך — ניט איינס!

איך מוז זיך באַרימען, אַז פילע טוען מיר שוין נאָך: מיט יאָרן צוריק האָט „די צוקונפט", „די יידישע קולטור" אָפּגעדרוקט אַ ליד אויף אַ האַלב זייטל און עס געלאָזן ליידיק; פאַרענדיקט אַן אַרטיקל אויף אַ האַלב זייטל און אויך געלאָזן ליידיק. זינט איך האָב אין מיינע „ליטעראַרישע העפטן" ניט דורכגעלאָזן קיין ליידיקע זייטלעך, טוען אַלע איצט נאָך מיין וועג. מען פּאַקט אַריין אין יעדן זייטל, אין יעדן ווינקעלע. אַזוי דאַרף עס זיין!

אייניקע פון מיינע דראַמעס זיינען דערפאָלגרייך אויפגעשפּילט געוואָרן אין דער תקופה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און איך גלויב, אַז פילע אַק־טיאָרן קענען אין די איינאַקטערס געפינען שטאַרקע ראָלען, ווייל די, וואָס האָבן געשפּילט מיינע זאַכן, אין יענע צייטן, זיינען היינט די גרעסטע אַקטיאָרן, הגם איך וויל זיי ניט אָנרופן ביי די נעמען.

איך שטעל אַריין אַ צאָל סקולפּטורן פון שרייבער, וואָס איך האָב זיי געשאַפן. פּשוט איך קען ניט פאַרטראָגן פאַרשווענדערישע ליידיקע זייטלעך!
אַ צוויייט בוך דראַמעס וועט אין קורצן דערשיינען און —

איך שרייב די פאָר ווערטער, פּשוט, ווי אַ בריוול צו אַן אינטימען חבר, אַזוי שרייב איך צו אייך, לייענער. די בעסטע פאַררעדע וועט זיין, ווען איר וועט לייענען די פאַרגאַנגענהייט אין מיינע דראַמאַטישע איינאַקטערס און זיך דער־מאָנען אָן אייער יוגנט — אַן יענער ברויזנדער תקופה!

טאַהאַנגאַ, קאַליפאָרניע, מאַי, 1951.

דראַמען אין ערשטן באַנד

דאָס לעבן פון אַ קינסטלער

אין ניו יאָרק

מוטער און קינדער

צוריק צו מיין לאַנד

הער גאָלד

צוויי חברים

אין יענע טעג

דער פאַרלאָרענער זיג

אייפערזוכט צווישן די געטער

דאָס לעבן פון אַ קינסטלער

דאָס לעבן פון אַ קינסטלער

(אַ גרויסע דראַמע אין 4 אַקטעלעך)

(די דראַמע האָב איך געפונען צווישן מיינע כתבים, געשריבן דורך די יאָרן 1912-1914. אין יענע יאָרן האָב איך אויפגעשריבן כמעט אַלע מיינע דראַמען.

א מתנה מיין זון מאָרטאַן

פּ ע ר ז אָ נ ע ן :

ווידאָוו —
לאַרא — זיין פרוי.
לעוו — אַ פריינט, אַן אַרטיסט.
זייעץ — אויך אַ פריינט, אַן אַרטיסט.
טיטוק — אַלטער דינער.
ד י נ ע ר .
אָ ר ט — ענגלאַנד. **צ י י ט** — געגנוואַרט.



זעלבסט-בילד

ערשטער אַקטעלע

(אַ גרויס צימער. אַ סטודיאָ. בילדער אויף די ווענט. אַנדערע בילדער צעוואָרפן דאָ און דאָרט. איינס פון די בילדער, אַגרויס, מיט אַ סך פיגורן, שטייט אַ נישט־פאַרענדיקטס. אויף אַן אַנדער זייט צימער געפינט זיך אַ שרייבטיש, הינטער וועלכן עס הענגט אַ פאָרהאַנג וואָס טיילט אָפּ אַ צימערל, וואָס איז באַמאָלן מיט אַלערליי אינסצענאַריעס.

ווידאָוו (זיצט אויף אַ שטול און באַטראַכט דאָס נישט־פאַרענדיקטע בילד. פון צייט צו צייט אַרבעט ער דערויף מיט אַפּענדזל).

לאַרא (קומט אַרויס דורך דער פאָרהאַנג. זי איז שוין אָבער בלאַס און טראָגט אַ שווערן מאַנטל, אַן אָפּגענוצטן. זי לאָזט זיך גיין גלייך צו דער טיר).

ווידאָוו (קוקט איר נאָך): לאַרא . . .

לאַרא (טוט אויף אים אַ קוק און שווייגט).

ווידאָוו: ווילסטו . . . ווילסטו דיין באַשלוס טאַקע אויספירן? . . .

לאַרא: וואָס דען ווילסטו זאָל איך טאָן? שטאַרבן פאַר הונגער . . . איך האָב דיר פריער געזאָגט: פאַרזאָרג זיך מיט געלט און דערנאָך . . .

ווידאָו: גלויב מיר, לאַרא, איך קען דאָך אָבער ניט . . .

לאַרא: אָבער ווען דער מאָגן איז פוסט? . . . קענסטו עסן דיין קונסט? . . .

ווידאָוו: ווען מען מיך גאָר אייביק ניט אַנערקענען? . . . דענקסטו, אַז ס'וועט שוין קיינמאָל ניט קומען פאַר דעם די צייט? . . . לאָז מיך נאָר קענען ענדיקן דאָס בילד . . .

לאַרא: מיט דעם בילד וועט זיין אַזוי ווי עס איז געוועזן מיט די אַנדערע בילדער . . . גענוג, ווידאָוו, איך האָב שוין ניט מער קיין האָפענונגען אין דיין האָפענונג . . .

ווידאָוו: נאָך דאָס איינע מאָל, לאַרא, לאָז מיך ניט איבער אינמיטן . . . אָן דיר בין איך ווי אַ שיף אין מיטן ים וואָס פאַרלירט דעם פירער . . . (הויבט זיך אויף) לאַרא, איך בעט דיך . . .

לאַרא: זיך, זיך, איך קען דיך פון ווייטן אויך הערן . . . ווילסט דווקא איך זאָל הערן דעם ריח פון דיין שנאַפּס? . . .

ווידאָוו: גלויב מיר, לאַרא, ניט איך טרינק . . .

לאַרא: ווער דען טרינקט, איך? . . . איך גיי אויס פון הונגער און דו פאַרטרינקסט . . .

ווידאָוו: די צרות מיינע . . . דער טייוול אין מיר . . . אין מיר ליגט ווער דאָרט . . . (קלאַפּט זיך אין האַרץ, לויפט צו איר צו, פאַלט אויף די קני) לאַרא, פאַרלאָז מיך ניט . . .

לאַרא: אָ, דער טייוול זאָל דאָס נעמען! . . . שטיי אויף! . . . ווי אַ מוטער מוז איך זיין צו דיר . . . אַלעמאָל דאָס זעלבע . . . אַלעמאָל ווייסטו אַז איך וועל דיר נאָכגעבן, דערפאַר שיכורסטו און לעבסט אַ טאָג . . .

ווידאָוו (אויפהייבנדיק זיך): לאַרא, גלויב מיר, איך בין ניט שולדיק . . . די ליידן, די צרות . . . לאַרעטשקע, מלאך מיינער . . . (קושט איר די האַנט) גלויב מיר, איך ווייס אַז דיר איז שלעכט, אַז דיר איז ביטער . . . גוט נשמהלע מיינס, איך ווייס . . . אָבער איך קען קיין נאַרישקייט ניט מאָלן . . . מיינע הענט גייען מיר ניט ביי נאַרישער אַרבעט . . .

לאַרא: אָבער די נאַרישקייטן, ווי דו רופסט זיי, פאַרקויפן זיך גיכער, איידער דיינע סימבאָלישע בילדער . . .

ווידאָוו: פאַר דעם, פאַר דעם טוט ווי מיין האַרץ . . . דו ווייסט אַליין, אַז יענע בילדער האָבן קיין ווערדע ניט . . . דו זעסט אַליין ווי דאָס ווערט גע־מאַכט אין שטונדן . . . בעת די אַנדערע דויערן מיר מאָנאַטן לאַנג ביז זיי ווערן פאַרטיק, פאַרענדיקט . . .

לאַרא: אָבער הער מיך אויס. וואָס וועט זיין אַז אויך דאָס בילד וועט האָבן דעם אייגענעם סוף, וואָס די אַנדערע בילדער? . . .

ווידאָוו: ניין, ניין, רעד ניט אַזוי, לאַרעטשקע, דאָס טאָר ניט, דאָס וועט ניט זיין אַזוי . . . לאָמיך נאָר דאָס בילד ענדיקן, וועסט זען . . .

לאַרא: איך ווייס און איך גלויב אין דיין טאַלאַנט און טאַקע דערפאַר קען איך דיך ניט פאַרלאָזן . . . (טוט אויס איר מאַנטל.)

ווידאָוו (קושט זי): גוטע נשמה . . . (נעמט זיך צום בילד ענערגישער.)

צווייטער אַקטעלע

(דאָס זעלבע צימער. זעקס חדשים שפּעטער. ווידאָוו פּוצט זיך, וואַשט זיך, פאַרקעמט די האָר. לאַרא וואַשט, טריקנט פאַר אים אַ נאַזטיכל.)

ווידאָוו: לאַרעטשקע, אפשר איז ערגעץ פאַרוואַלגערט אַ קעסטעלע וואַקסע? איך וואָלט מיינע שיך אויסגעפּוצט . . . די לאַטעס זען זיך אָן און זיי זיינען באַפלעקט מיט אַזוי פיל קאָלירן ווי די פעל פון ראָזועטאַס הינטל . . .

לאַרא: וואַקסע? (פאַרטראַכט זיך) מיר דאַכט אַז ס'איז דאָ. אַט וועל איך גיין אַ קוק טאָן. (אָפּ דורך די פאָרהאַנגען.)

ווידאָוו (רייבט די הענט, גלעט זיך די האָר און כאַפּט אַ קוק אין שפּיגל): עד, עד, דאָך דערוואַרט זיך, אַז מען זאָל מיין בילד אָננעמען צו דער אויסשטע־לונג . . . יאָ, וויפיל מי דאָס האָט מיך געקאָסט . . . וויפיל יאָרן, יאָרן געוואַרט אויף דעם מאָמענט . . . וויפיל טרוימען זיינען צערונען געוואָרן ביי יעדן בילד מיינעם און ענדלעך דערלעבט . . . גאָט מיינער, איז דאָס נאָר ניט קיין חלום? . . . גיי איך עס טאַקע זען מיין בילד אויף דער וואַנט פון מוזעאום, וואו טויזנטער מענטשן וועלן עס אָנקוקן, צווישן וועלכע עס וועלן אויך זיין מבינים, קריטי־קער? . . . יאָ, קריטיקער וועלן דאָך מיך פאַרשטיין . . .

לאַרא (קומט צוריק מיט אַ קעסטעלע וואַקסע אין איין האַנט און מיט אַן אַלט בערשטל אין דער צווייטער האַנט): פאַראַן נאָך אַ ביסל. כ'האָב עס קוים געפונען . . . (דערלאַנגט עס אים.)

ווידאָוו (שמירט מיט וואַקסע איבער די שיך און פּוצט זיי).

לאַרא: לאָז מיך, דו קענסט ניט . . . פון הינטן פּוצטו גאַרניט. (ער גיט איר איבער דאָס בערשטל מיט דער וואַקסע און זי פּוצט אים די שיך.)

ווידאָוו: הלוואי האָב איך דערפאָלג מיטן בילד, וועט דער גרעסטער טייל פון מיין בילד צו דיר געהערן. מיין מלאכל, דו ביסט געווען די אינספּיראַציע און די אורזאַך פון מיין דערפאָלג און מיין קאַמף . . . (קוקט איצט מיט באַדויערן אויף איר) ווי דאַר, ווי בלאַס דו ביסט . . . אויב איך וועל איצט קריגן געלט — גלייך פאַר איך מיט דיר אַוועק און וועל זען אַז דו זאָלסט צוריק ווערן געזונט און שענער, פולער, מיין לאַרעטשקע. (קושט זי) דו וועסט נאָך זיין שיין ווי אַמאָל . . .

לאַרא: אויב איך וועל האָבן אַ בעסער לעבן, דאַן ווייס אַז איך האָב פּאַר דעם טייער באַצאָלט . . .

ווידאָוו: יאָ, טייערע, איך ווייס . . . ווי גוט עס זאָל דיר ניט זיין, אַלץ מער ביסטו ווערט . . .

לאַרא: די לעצטע צייט בין איך זייער שוואַך געוואָרן. (הוסט.)

ווידאָוו: איך ווייס . . . איך זע . . . אָבער זאָג מיר, פאַרוואָס זיינען נאָך ניטאָ מיינע פריינט?

לאַרא: מסתמא זיך פאַרשיכורט! . . .

ווידאָוו: ניט היינט. היינט וועלן זיי ניט טרינקען . . . און לעוו טרינקט סיי־ווי־סיי ניט . . .

לאַרא: אָבער זייעץ?

ווידאָוו: דו מיינסט ווייל מען האָט זיין בילד ניט אָנגענומען? . . .

לאַרא: טאָקע דערפאַר קען ער זיך אָנטרינקען . . .

(לעוו און זייעץ קומען אריין.)

ווידאָוו: אָט זיינען זיי דאָך דאָ. בין שוין אויך פאַרטיק.

לעוו: דו, ווידאָוו, ביסט היינט דער איינציקער מענטש וואָס אויף דיר האָלט יעדער אַן אויג און יעדער רעדט פון דיר, און מען וועט נאָך ריידן . . .

ווידאָוו: וואָס מיינסטו?

זייעץ: דו האָסט דיר שוין אַ וועג דורכגעבראָכן . . .

ווידאָוו: איר מאַכט מיך נייגעריק . . . וואָס מיינט איר?

לעוו: דיין בילד ווערט שטאַרק אנערקענט!

ווידאָוו (כאַפּט אים פאַר דער האַנט): פון וואַנען ווייסט איר?

לעוו: ווען מיר זיינען געגאַנגען אַהער, זיינען מיר געגאַנגען פאַרביי דעם מוזעאום. נו זאָג איך: לאָמיר אַ קוק טאָן וואָס דאָרט הערט זיך. ערשט מיר קומען אַריין אין מוזעאום . . .

לאַרא (נייגעריק): נו וואָס? . . .

לעוו: הונדערטער מענטשן זיינען שוין דאָרט פאַראַן. יעדער איינער שטעלט זיך אָפּ ביי דיין בילד, יעדער באַוואונדערט עס . . .

ווידאָוו: אַ, פריינט . . . (כאַפּט אַרום לאַראַן און קושט זי) דיר, דיר האָב איך צו פאַרדאַנקען.

זייעץ: ביסט אַ גליקלעכער מענטש, ווידאָוו, אַ גליקלעכער מענטש . . .

לעוו: מיט איין שפּרונג און דו ביסט שוין אויפן פערד.

ווידאָוו: און ווייסט איר ווער עס האָט מיר געגעבן דעם כוח דערצו? זי, מיין גוטע לאַרא.

זייעץ: וואו נעמט מען אַזוינע לאַראס? . . . אַ, וואו נעמט מען זיי? מיך האָט מיינע רואינירט און דיינע האָט דיך גליקלעך און באַרימט געמאַכט.

ווידאָוו: דערפאַר האָסטו געלעבט אין רייכקייט און אין לוקסוס און מיר האָבן קוים געהאַט אויף ברויט . . .

לעוו: דערפאַר וועסטו שוין איצט לעבן . . . נו, מיר וועלן גיין, מאַך זיך פאַרטיק.

לאַרא: וואַרט צו נאָך אַ פּאָר מינוט, וועט זיך אויסטריקענען דאָס טיכל.

(לעוו און זייעץ קוקן זיך איבער.)

ווידאָוו: (טוט זיך אָן דאָס רעקל, באַרשט זיך אַרום): קומט, לאָמיר גיין.

לעוו: און לאַרא? זי גייט ניט מיט אונדז, מיט דיר?

(ווידאָוו קוקט זיך איבער מיט לאָראן. ער איז אין אַ פּארלעגנהייט.)

לאָרא: ניין, איך גיי ניט מיט . . .

ווידאָוו: פּריינט, איר ווייסט גאָרניט ווי אָרעם מיר זיינען . . .
(לעוו און זייעץ קוקן איינער אויפן אַנדערן.)

לאָרא: גייט, גייט . . . (טרערן קאַפּען איר פון די אויגן.)

ווידאָוו (נעמט זי אַרום, קושט זי): מיין גוטער מלאך . . .
(זייעץ און לעוו גייען דערווייל אַרויס די ערשטע.)

דריטער אַקטעלע

(אַ רייך צימער מיט אַ רייכער אויסשטאַטונג. אַ גרויסער טיש פול אָנגעשטעלט מיט גלעזער און ליידיקע פלעשער. עס איז קענטיק אַז מען האָט זיך אונטערהאַלטן דאָ מיט אַ ווײַלע צוריק. אינעם צימער זיינען איצט פאַרבליבן בלויז ווידאָוו מיט אַ פרוי, אַ שיינע, אַ יונגע. ביידע זיינען גוט אויפגעלייגט, באַרוישט, ער מער פון איר. זי איז מער ניכטער, הגם זי איז שטאַרק אָנטבלויזט. ווידאָוו געניסט נאָך פון דעם וואָס עס איז פאַרבליבן פון די געסט און ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער שיכורער. קיינער פון זיי ביידן באַמערקן ניט ווי אַ טיר עפנט זיך, פון וועלכער זייעץ קומט אַריין און בלייבט שטיין.)

ווידאָוו (נעמט אַרום די פרוי): איר זייט אַ געטין, אַ קעניגין . . .

די פרוי: און וואָס הערט זיך מיט אייער צוזאָג? . . .

ווידאָוו: איר וועט אַלצדינג קריגן . . . צוגעזאָגט איז צוגעזאָגט און איך האַלט וואָרט . . . (וויל איר אַ קוש טאָן.)

די פרוי (שטופּט אים אָפּ פון זיך, לאָזט זיך ניט קושן): איך וויל אַז איר זאָלט אייער צוזאָג שוין דערפילן! . . .

ווידאָוו: איך האָב עס נאָך ניט געקענט קריגן . . . (וויל זי קושן.)

די פרוי: דאַן וויל איך דאָס געלט אין מזומנים.

ווידאָוו: אין מזומנים? . . .

די פרוי: מזומנים, אויב איר ווילט איך זאָל דאָ בלייבן. אויב ניט גיי איך שוין אַוועק. (שטעלט זיך אויף.)

ווידאָוו: וועסט ניט גיין. (כאַפּט זי אַרום און קושט זי קעגן איר ווילן.)

די פרוי (שטופּט אים דאָך אָפּ): פע! . . . (נעמט זיך אַוועקצוגיין.)

ווידאָוו: בלייב, איך גיב דאָס געלט.

די פרוי (קערט זיך אום, שמייכלט): אָט אַזוי האָב איך אייך, דיך ליב! . . . (בלייבט שטיין לעבן אים.)

ווידאָוו: וויפל זאָל איך דיר געבן? (נעמט זי אַרום אין דער טאַליע.)

די פרוי: הונדערט פונט . . . ניט קיין סך, האַ? איך דאַרף עס זייער נייטיק האָבן.

(זייעץ גייט צו. ווידאָוו וויל איר געבן געלט. זייעץ האַלט אָפּ זיין האַנט און קוקט דער פרוי אין פּנים.)

ווידאָוו: זייעץ, דו ביסט דאָס? (ער וויגט זיך פון שיכרות) הם . . . איך האָב געמיינט . . . איך, ווי קומסטו אַ־אַ־הער? . . .

זייעץ: ווער איז די פרוי? (קוקט אויף איר.)

די פרוי: האַ? (צו ווידאָוון) ווער איז דער מאַן? (צו זייעצן) וואָס איז דאָס אייער געשעפט ווער איך בין? . . . געהערט אַזאַ באַליידיקונג? איך פאַרלאָז

באַלד דאָס צימער . . . (לאָזט זיך גיין צו דער טיר אַ באַליידיקטע, קערט זיך באַלד אום און בלייבט שטיין) אַזאַ שאַנדע . . . אַזוי באַליידיקן . . .

ווידאָוו (וויל צו איר צוגיין).

זייעץ (פאַרשטעלט אים דעם וועג): איך וועל ניט לאָזן! . . .

די פרוי (צו זייעצן): טייוול . . . אַ טייוול זייט איר, פוי! . . . (פאַרלאָזט דאָס צימער. — ווידאָוו וויל איר נאָכלויפן.)

זייעץ (האַלט אים אין די אָרעמס): איך וועל ניט לאָזן, דו הערסט? איך וועל דיך ניט לאָזן. (זעצט אים אַריין אין אַ שטול.)

ווידאָוו (קומט צו זיך, ווי אַ ביסל אויסגעניכטערט): ווי וואַגסטו מיך אָפּצוהאַלטן?

זייעץ: ניכטער זיך אויס פריער אינגאַנצן, דאַן וועל איך זיך מיט דיר אַדורכריידן . . .

ווידאָוו: אַזאַ שיינע . . .

זייעץ: ווי שנעל דו האָסט פאַרגעסן דיינע שלעכטע צייטן.

ווידאָוו: ווידער דאָס זעלביקע . . . איך בעט דיך, דערצייל מיר ניט אַלע־מאָל פון מיינע געוועזענע שלעכטע צייטן . . .

זייעץ: איך זע, דו גייסט אויף אַ קרומען וועג, איז עס מיין חוב דיר אויף דעם אָנצואווייזן . . . דו זעסט ניט ווי דיין וועג איז אַ קרומער . . .

ווידאָוו: האַלסט מיך אין איין לערנען, ווי כ׳וואָלט געווען אַ ייִנגל . . .

זייעץ: דו ביסט טאַקע אַ ייִנגל, אַ צעלאָזן ייִנגל . . . האָסט באַקומען געלט אין די הענט און דו וואַרפסט זיך דערמיט ווי מיט שטיינדלעך אין גאַס און פאַרשאַפסט ליידן און שמערצן דער, וועלכער האָט דיר געהאָלפן דערגרייכן דיין גליק . . .

ווידאָוו: דאָס איז לעכערלעך . . . וואָס הייסט, פעלט איר דען עפּעס? לעבט זי ניט אין לוקסוס מיט דינסטן און מיט שיינע קליידער? . . .

זייעץ: אַך, ווידאָוו, ווי שנעל דו האָסט זיך געביטן . . . מיט עטלעכע יאָר צוריק ביסטו דאָך גאָר אַן אַנדער מענטש געווען . . . די רייכקייט האָט עס פון דיר אַזאַ תל געמאַכט!

ווידאָוו: געוויס, ווען כ׳האָב ניט געהאַט מיט וואָס בין איך געווען אַנדערש, ס׳פאַרשטייט זיך . . .

זייעץ: איך בין אַמאָל געווען רייכער ווי דו ביסט היינט און האָב אויך געהוליעט . . . דערפאַר ווייס איך וואָס איך רעד . . . מעגסט ביי מיר זיך פרעגן . . . היט זיך פאַר די שוואַרצע פייגל . . . דאָס זיינען וואַמפּירן, דו הערסט? . . .

ווידאָוו: נאַרישקייטן . . . מען לעבט איין וועלט . . .

זייעץ: דו האָסט אַ גוטע, שיינע פרוי און דו הוליעסט מיט, מיט אַלערליי שמוציקע נפשות!

ווידאָוו: אָ, לאָז צורו! . . . געוואָרן אַ מאָראַל־פּריידיקער.

זייעץ: געדענקסט די ווערטער וואָס דו פלעגסט מיר זאָגן? „הוליעסט! הוליעסט, לעבסט אָפּ דיין יוגנט צו גיך . . . וועסט באַדויערן, מיין פריינט . . ."
איך וואָלט דיר איצט ניט דערמאָנט דיינע רייד, ווען דו וואָלסט מיר ניט געזאָגט אַז איך פּריידיק דיר אַרויס מאָראַל... און איך וועל דיר טאַקע זאָגן די זעלבע רייד וואָס דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט . . . און זאָגן זאָג איך עס דיר אויך דערפאַר, ווייל מיך פאַרדריסט פאַר דיין נאָבעלער פרוי, וועלכע האָט דיר אַזוי פיל גע־

האָלפּן אין דיין גליק . . . קוק באַצייטנס אין שפּיגל פון דיין צוקונפט . . .

ווידאָוו: מיין פרוי לעבט זיך גאַנץ גוט; פאַר איר העלפן מיר לעבט זי אין לוקסוס . . .

זייעק: אין לוקסוס לעבט זי? אין א גיהנום לעבט זי! . . . זי וואָלט זיך געוואונטשן בעסער צו לעבן ווי אַמאָל, ווען דו ביסט געווען אָרעם און מיט איר צופרידן געווען און גליקלעך געלעבט.

ווידאָוו (אויפגערעגט): גיי! גיי! איך וויל ניט דו זאָלסט מיך שטראָפן! און לערן מיך ניט ווי צו פירן זיך . . . איך קען זיך אַליין באַשטיין און פאַר־שטיין . . .

זייעק: איך באַליידיק זיך אַ האָר ניט . . . אָבער אַז דו הייסט מיך גיין, וועל איך גיין. דאָ ביסט דאָך דער באַלעבאָס פון הויז . . . נאָר אויב דו וועסט זיך אַמאָל נויטיקן אין מיר, וועל איך אַלעמאָל זיין גרייט פאַר דיר עפּעס צו טאָן, אויב עס וועט נאָר פאַר מיר זיין מעגלעך . . . אַדיע! נעם זיך אין אַכט . . . (פאַרלאָזט דאָס צימער.)

פערטער אַקטעלע

(דאָס זעלבע צימער, איצט זייער אָפּגעלאָזן. א סך ווערטפולע זאַכן פעלן. די האַנדלונג קומט פאָר מיט עטלעכע יאָר שפּעטער.)

דינער (שטויבט אָרום די מעבל, ווישט אָראָפּ דעם שטויב פונעם לאָמפּ אויפן טיש): זיך אָנגעקליבן אַ ביסל שטויב . . . נאָך קיינמאָל האָב איך אַזויפיל שטויב ניט געזען . . .

ווידאָוו (באַווייזט זיך אין טיר. ער איז שטאַרק פאַרעלטערט): אויב דאָ וועט זיך עמיצער פרעגן אויף מיר, לאָז מיר גלייך וויסן.

דינער: ווי איר ווינטשט.

ווידאָוו: זייט אַזוי גוט, עפנט אויף די פענצטער.

דינער: אַזויפיל שטויב האָב איך נאָך ניט געזען.

ווידאָוו: גאַנצע צוויי יאָר איז געווען דאָס צימער פאַרשלאָסן.

דינער: צוויי יאָר? . . .

ווידאָוו: יאָ, צוויי יאָר . . . אַלזאָ, געדענק וואָס כ'האָב דיר געזאָגט: טאָמער קומט עמעץ זיך פרעגן אויף מיר, לאָז מיר באַלד וויסן . . .

דינער: ווי איר פאַרלאַנגט. — (ווידאָוו גייט אַרויס.)

דינער (קוקט אים נאָך): שטענדיק נאָר געהיימנישן . . . וואָס פאַר אַ מין מענטשן זיינען עס די רייכע! . . . — (זייעק קומט אַריין.)

זייעק: הער ווידאָוו איז דאָ? אין דערהיים מיין איך.

דינער: יאָ, ער איז אין דערהיים. איך גיי אים שוין אָנזאָגן.

זייעק (שטעלט אים אָפּ): איין ווײַלע —

דינער: איר מיינט מיך?

זייעק: געוויס מיין איך אייך. (פּאַוזע) הערט זיך איין. (ער נעמט אַרויס מטבע) אָט, דאָס איז פאַר אייך.

דינער: דאַנקע, מיט וואָס קען איך אייך דינען?

זייעק: ווי לאַנג ווי איר דינט דאָ?

דינער: עטלעכע וואָכן.

זייעק: איז צווישן די דינער פאַראַן עמיצער וואָס דינט שוין דאָ אַ לענ־גערע צייט?

דינער: אַ פרוי און אַן אַלטער מאַן — אַן עלטערע פּאָר.

זייעק: וואָלט איר מיר געקענט אַריינשיקן איינעם פון זיי, אָדער ביידן? . . .

דינער: אָבער דער הער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז טאָמער קומט עמיצער זאָל איך אים גלייך לאָזן וויסן. אפשר האָט ער עס אייך געמיינט?

זייעק: טוט ווי איך הייס אייך. — (דינער—אָפּ.)

זייעק: ענדלעך האָט ער געלערנט אַ ביסל אין שטורעם פון לעבן . . . איצט בענקט ער נאָך רו, כאַ־כאַ־כאַ! . . . עך, פייגעלע, ווילסט שוין רוען! . . .

אַלטער דינער (קומט אַריין, בלייבט שטיין): ווער רופט מיך?

זייעק: דאָס ביסטו, טיטוק?

אַלטער דינער (באַטראַכט אים): הער זייעק? איך דערקען אייך אויך.

זייעק: יאָ, טיטוק, איך בין זייער צופרידן וואָס דו ביסט נאָך דאָ, ווייל דו קענסט מיר אַ סך העלפן.

טיטוק: העלפן? . . . איך? מיט וואָס?

זייעק: יאָ, טיטוק. דו וועסט דאָס טאָן צוליב דער מאַדאַם.

טיטוק: נו, מיט וואָס קען איך העלפן? איך וואָלט פאַר איר אַלץ געטאָן, די גוטע נשמה, וואָס זי האָט זיך עס אָנגעליטן! . . .

זייעק: הער אויס, טיטוק. ער האָט מיר געשריבן, אַז ער וויל אויפגעבן זיין אַרט לעבן און וויל זיך מיט איר צוריק פאַראייניקן. ער האָט מיך אויסגעקליבן, אַז איך זאָל דאָס זיין דער פאַרמיטלער . . . וויל איך פון דיר, טיטוק, דו זאָלסט מיר דערציילן, וואָס דו ווייסט וועגן אים . . .

טיטוק: ער וויל זיך מיט איר פאַראייניקן? (ער ציטערט פון אויפרעגונג) דאָס קען ניט און דאָס זאָל קיינמאָל ניט געשען! . . . דאָס טאָר ניט געשען! . . .

זייעק: אַזוי גאָר? . . . נו, נו! . . .

טיטוק: יאָ, דאָס טאָר ניט געשען! . . .

זייעק: דערצייל וואָס גיכער וואָס דו ווייסט, איידער ער קומט אַריין.

טיטוק: שוין גאַנצע צוויי יאָר ווי איך בין ניט געווען אין דעם צימער . . .

זייעק: איז וואָס מיינט דאָס? . . .

טיטוק: דאָס צימער איז געווען די גאַנצע צייט פאַרשלאָסן . . .

זייעק: פאַר די צוויי יאָר האָט ער דאָ קיינעם ניט אויפגענומען?

טיטוק: קיינעם ניט! אַחוץ דעם דאָקטאָר . . .

זייעק: וואָס דו רעדסט! . . . דורך די צוויי יאָר זיינען דאָ קיין בעלער ניט געמאַכט געוואָרן?

טיטוק: אפשר מער ווי צוויי יאָר!

זייעק: וואָס איז געווען די אורזאַך?

טיטוק: ער איז געווען קראַנק . . . ער איז איצט נאָך אויך קראַנק! . . . דער דאָקטאָר קומט נאָך היינט צו אים יעדן טאָג . . .

טיטוק: אַ קראַנקהייט, אויף וועלכער ער האָט געקענט דערוואַרטן! . . .

זייעק: רעד אָפן און דייטלעכער.

טיטוק: ערשט עטלעכע מאָנאַטן ווי איך ווייס פון זיין קראַנקהייט. כ׳האָב אונטערגעהערט אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיטן דאָקטאָר . . .

זייעק: קענסטו מיר איבערגעבן דעם געשפּרעך? געדענקסטו אים נאָך?

טיטוק: איך בין צופעליק געגאַנגען פאַרביי זיין צימער און געהערט ווי דער דאָקטאָר שרייט צו אים: „פאַר קיין פאַל טאָרט איר מער ניט גיין צו קיין פרוי. איר וועט זי קראַנק מאַכן ווען איר וועט זיך נאָר באַהעפטן מיט איר . . .“

דער דאָקטאר האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אומהיילבאַר שוין פאַר די לעצטע צוויי יאָר, זינט ער קורירט אים . . . „איך קוריר אייך שוין צוויי יאָר" — האָט דער דאָקטאר אים געזאָגט — „און איך זע ניט קיין בעסערונג! . . ."

זייעק: אָנגעשטעקט זיך מיט סיפיליס, הייסט עס?

טיטוק: ער איז די לעצטע צייט שוין גאָר ניט דער אייגענער מענטש.

זייעק: ווי זעט ער אויס?

טיטוק: די קראַנקהייט האָט אים אינגאַנצן צעבראָכן.

זייעק: דערציייל מיר עפּעס מער! . . . פון פריער מיין איך, איידער ער האָט זיך דערוואוסט אַז ער איז קראַנק.

טיטוק: וואָס איך קען אייך דערציילן איז עקלהאַפטס . . . אָבער מיין מויל וועט אַזוינס ניט וועלן ריידן.

זייעק: דערציייל מיר, טיטוק. (גיט אים אַ מטבע) דערציייל אַלץ . . .

טיטוק (נעמט די מטבעה): אַז איר ווילט, וועל איך אייך עפּעס דערציילן. (זיפצט אָפּ) ער האָט איינמאָל געמאַכט אַ באַל, איז דאָס געווען אַ באָד און ניט קיין באַל! . . . אָט דאָ אין דעם צימער איז דאָס געווען . . . פינף פרויען זיינען געווען און צען מענער, אַלע מוטער־נאַקעט . . . און אַזוי האָבן זיי געטאַנצט, געשפּרונגען, געטרונקען . . . יעדע פרוי האָט געמוזט אויפנעמען עטלעכע פון די מענער . . .

זייעק: פון וואַנען ווייסטו עס? האָבן זיי עס געטאָן אַזוי פריי?

טיטוק: דורך דעם שליסל־לאָך האָב איך אַלצדינג צוגעזען . . . ווילדער פון אַלעמען איז ער געווען . . . נאָך יעדער פרוי האָט ער זיך באַגאָסן מיט וויין . . . וואָס ער האָט ניט אָפּגעטאָן אין די דאָזיקע מאָמענטן! . . .

זייעק: וואָס נאָך? דערציייל מער, דערציייל! . . .

טיטוק: איז דאָס ניט גענוג? נאָר אויב איר האָט וויניק, וועל איך אייך נאָך עפּעס צוגעבן: דאָ זיינען אויך עטלעכע מאָרדן באַגאַנגען געוואָרן! . . .

זייעק: מאָרדן? און זיי גייען אַרום פריי?

טיטוק: פאַר דער פּאָליציי האָט עס געהייסן אַ זעלבסטמאָרד.

זייעק: און די פּאָליציי האָט דעם תירוץ אָנגענומען?

טיטוק: יעדעס מאָל . . . א. הער זייעק, איר קענט זיך קוים פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ מין שמוץ דער מענטש איז געוואָרן.

זייעק: וואו איז ער געווען די גאַנצע צייט?

טיטוק: ביי זיך אין צימער איינער אַליין. פלעגט ניט וועלן קיינעם אויפנעמען . . .

זייעק: און בילדער האָט ער עפּעס געמאָלן?

טיטוק: ניט געמאָלן . . . ער פלעגט קיין זאַך ניט טאָן, נאָר זיצן און שווייגן און טראַכטן . . . אָדער ער פלעגט עפענען די פענצטער און קוקן אין גאָרטן ביז זונאונטערגאַנג.

זייעק: קענסט גיין. זאָג דעם דינער, ער זאָל מעלדן ווידאָוון אַז איך בין געקומען.

טיטוק: רעדט גאָרניט וועגן מיר (אָפּ.)

זייעק: דאָס גליק זיינס האָט אים געמאַכט אומגליקלעך, זיין רייכטום האָט אים געטריבן צום אָפּגרונט. — (ווידאָוו קומט אַריין.)

ווידאָוו: איך דאַנק דיר פאַר דיין קומען.

זייעק (גיט אים ניט די האַנט): זעץ זיך, ווידאָוו, און זאָג וואָס דו ווילסט.

נאָר זאָג זאָג קורץ און שאַרף, און איבערהויפּט דעם אמת . . .

ווידאָוו: מיר דאַכט, דו ווייסט אַלעס.

זייעק: פון וואַנען זאָל איך וויסן?

ווידאָוו: טיטוק האָט דיר דערציילט?

זייעק: זאָלסט אים ניט טאָן דערפאַר קיין שלעכטס.

ווידאָוו: אַדרבא, איך וועל אים גוטס טאָן, ווייל ער האָט מיך ניט פאַר־לאָזן, ווען אַלע האָבן מיך אַליין איבערגעלאָזט, און איצט וואָלט מיר אָנגעקומען שווער צו רעדן מיט דיר וועגן מיין לאַגע. ווען טיטוק וואָלט עס דיר פריער ניט דערציילט . . . ער האָט מיך באַפרייט פון צו ריידן וועגן דעם . . .

זייעק: איז אַלצדינג אמת וואָס ער האָט דערציילט?

ווידאָוו: ליידער אמת . . . אָבער האָב ניט קיין מורא, איך וואָלט דיר סיי־ווי־סיי געוועזן אַלץ דערציילט. אויב איך וואָלט עס ניט געקענט טאָן מיטן מויל, האָב איך אָנגעשריבן אַ בריוו צו דיר . . . אָבער איך וועל דיר איצט זאָגן אין קורצן: איך פאָר אַוועק . . . ווער ווייסט צי איך קער זיך נאָך אום צוריק . . . איך האָב זיך צו שנעל אַראָפּגעגליטשט פון מיין הויכן באַרג. צוריק אַרויפגיין האָב איך שוין קיין כוחות ניט, און אויך קיין האָפענונג ניט . . .

זייעק: וואָס מיינסטו?

ווידאָוו: איך האָב נעכטן פאַרקויפט אַלע מיינע בילדער און האָב מיין פאַרמעגן צוזאַמענגענומען, וואָס באַשטייט פון 25 טויזנט פונט שטערלינג. דאָס איז ניט מיין געלט. דאָס איז לאַראַס.

זייעק: פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי שפּעט געכאַפּט?

ווידאָוו: ווי לאַנג עס וועט עקזיסטירן רייכקייט, וועט קיינמאָל ניט זיין אַנדערש . . . די אָרעמע פאַרקויפן זיך דיר ביז זיי ווערן צעפוילט און זיי צע־פוילן דיך אויך . . . אָרעמע גייען אונטער דורך הונגער און נויט, און רייכע גייען אונטער דורך לוקסוס און ——— —

זייעק: האָב איך דיך ניט געוואָרנט? האָב איך דיר ניט פאָראויסגעזאָגט?

ווידאָוו: איך בין ניט שולדיק און קיינער איז ניט שולדיק . . . שולדיק איז דער גאָט מאַמאָן, דער גאָט פון געלט . . . און דער איינציקער דערלייזער איז די סאָציאַלע אָרדענונג . . .

זייעק: ענדלעך מיינע רייד . . .

ווידאָוו: אַלזאָ . . . (נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר) דאָ האָסטו מיין צוואה. זיי וויסן, דו ביסט דער אָפּעקון איבער מיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס גייט פאַר לאַראַן און פאַר אונדזער קינד. איצט, מיין פריינט, האָב איך געענדיקט! . . . אַדיע! גרוס מיין גוטע פרוי און מיין ליבן זון. (גייט אַרויס פון צימער.)

זייעק: ווידאָוו! ווידאָוו! . . . (עס דערהערט זיך אַ שאָס. די דינער קומען זיך צולויפן. לויפן אַריין אין ווידאָווס צימער.)

(די דינער טראָגן ווידאָוון אַריין און לייגן אים אויף דעם דיל.)

זייעק: ווידאָוו, ווידאָוו, אומגליקלעכער, וואָס האָסטו געטאָן?

ווידאָוו (מיט די לעצטע כוחות): זאָג דער וועלט, אין מיין נאָמען, אַז אַזוינס וועט אימער געשען ווי לאַנג אָרעם און רייכטום וועט עקזיסטירן . . . יאָ, מיין פריינט, זאָג דער וועלט, זאָג דער וועלט ———

(פ אַ ר ה אַ נ ג)



אויבערשטער בילד: משה קריגט די לוחות.

אונטערשטער בילד, רעכטס: ירמיה. לינקס: ישעיה.

אַלע סקולפּטורן זײַנען אײַנגעפונדעוועט אין דײמאָנדשטײנס גאָרטן.

אין ניו יאָרק

א בילד פון לעבן

אין ניו יאָרק

פּערזאָנען:

ליזא, מוטער.
באַרנעט, איר מאַן.
יאָזעף, מינא, זייערע קינדער.
זרח, ליזאס פאָטער.
לייזער, זרחס זון.
שדכן.
ביילע, גייט חתונה האָבן מיט זרחן.
איציקל, ביילעס ברודער.
מסדר־קדושין.
עטלעכע מענער.



אבא גאָרדין

(אַן אַרבעטער־שטוב, אין עס־צימער. אַ טיש, שטולן, אַ בופעט, אַ מאַשין, אַ סאָפע, אַ פאָנאָגראַף, צוויי פענצטער, צוויי טירן פון די זייטן. ליזאַ, אַרום 28 יאָר אַלט, קערט דאָס הויז. זי איז נעט געקליידט און טראָגט אַ פאַרטוך. צייט און האַנדלונג: ניו יאָרק, 1910.)

(מינאַ, 5 יאָר אַלט און יאָזעף, 8 יאָר אַלט, זיצן אויף דער סאָפע, קוקן אין ביכלעך. יאָזעף לייענט עפּעס, מינאַ קוקט איבער די בילדער.)

יאָזעף: מאַמאַ, ווייסט מאַ? דער טיטשער זאָגט, אַז איך בין דער סמאַר־טעסט באָי פון קלעס . . .

מינאַ: מאַ, ווען וועל איך גיין אין סקול?

ליזאַ: זומער, טאָכטערל, קומענדן זומער.

מינאַ: כ׳בין שוין אַ ביג גירל, יע, מאַמאַ? (שפּרינגט אַראָפּ פון סאָפע און כאַפּט אַרום ליזאַן) איך וועל זיין די בעסטע אין קלאַס . . .

יאָזעף: אָבער ניט בעסער פון מיר.

מינאַ: יעס, יעס, בעסער פון דיר אויך. ווייסט, מאַ? כ׳קען דעם גאַנצן איי בי סי . . . ווילסט הערן?

ליזאַ: אַלרייט, לאָמיך הערן.

מינאַ: טאָ זעץ זיך. (שטופּט זי צו צום שטול. ליזאַ זעצט זיך) נו, איצט הער: איי, בי, סי, די, אי, עף, דזשיי . . .

יאָזעף: שוין, דו קענסט ניט! . . . וואָס איז נאָך „עף״? . . .

מינאַ: נאָך „עף״ איז „דזשיי״!

יאָזעף: נאָך „עף״ איז ניט „דזשיי״, נאָר „דזשי״!

ליזאַ: נו, לאָזט מיך, קינדערלעך. באַלד וועט פּאַפּאַ קומען און דאָס הויז איז נאָך ניט צוגעקליבן. (הויבט זיך אויף, קערט דאָס הויז.)

מינאַ (זעצט זיך אויף דער סאָפע).

יאָזעף (מאַכט איר אַ נאָז): וועסט קענען בעסער פון מיר? (מאַכט אַ צונג.)

מינאַ (וואַרפט איר ביכל אויף אים).

יאָזעף: מאַ, זי וואַרפט דעם בוך אויף מיר!

מינאַ: ער מאַכט מיר אַ צונג! . . .

ליזאַ: זיצט שטיל, אָדער איר וועט ביידע קריגן! פאַרגעסט ניט, באַלד קומט פּאַפּאַ. (קלייבט צוזאַמען דעם שמוץ און וואַרפט עס אַריין אין שמוץ־עמער.)

יאָזעף: ווייסט גאָר וואָס, מינעלע? איך וועל דיך לערנען דעם איי בי סי.

מינאַ (בייז): דאָן וואָנט . . .

ליזאַ: דאַטס ראַיט, ער קאָן דאָך, זאָל ער דיך לערנען. (אָפּ אין צווייטן צימער.)

מינאַ: אָל־ראַיט, קום צום טיש. (זיי זעצן זיך ביים טיש.)

יאָזעף: איך וועל דיך לערנען, ווי דער טיטשער.

מינאַ: ווי דער טיטשער?

יאָזעף: יאָ, ווי דער טיטשער!

מינאַ: ווי לערנט אַ טיטשער?

יאָזעף: אָט וועסטו באַלד זען. (עפנט דעם בוך) נו זאָג, וואָס איז דאָס?

מינאַ: איך ווייס, „קיי״, דאָס איז אַ „קיי״!

ליזאַ (קומט אַריין, טראָגט טעלער, לעפל, אַ טישטוך): לאָזט, קינדערלעך, גרייטן צום טיש.

(יאָזעף מיט מינא׳ן זעצן זיך אויף דער סאָפע. ליזא שפּרייט אויס דעם טישטוך, צעשטעלט די טעלער, די לעפל. גייט אַרויס און קערט זיך באַלד אום, מיטברייינגענדיק ברויט.)

(זרח קומט אַריין. — ער איז אַ מאַן אין די פופציקער יאָרן מיט אַ קורץ־געשוירן בערדל.)

זרח: גוטן אָוונט.

ליזא: גוט יאָר. זעט, קינדער, ווער עס איז דאָ.

(די קינדער לויפן צו, כאַפּן זיך אַרום זרחן, קושן אים, און רייסן זיך מיט אים טאַנצן.)

ביידע קינדער: זיידע, זיידעלע . . . זיידע, זיידעלע . . .

זרח: לאָזט אָפּ, איר׳ט מיך אומוואַרפן! (רייסט זיך אַרויס פון זיי און הויבט אויף די הענט.)

ליזא: גענוג, גענוג, קינדערלעך, לאָזט אָפּ דעם זיידן!

יאָזעף: זיידע, האָסט געגומען אַ העירקאָט אויף דיין באָרד?

ליזא: ער האָט עס אָבער באַמערקט. און דו, טאַטע, ביסלעכווייז וועסטו באַלד ניט האָבן קיין באָרד . . .

זרח: אַ מציאה אַ באָרד. איך ווער עלטער, מאַך איך די באָרד יינגער . . .

ליזא: עפּעס פוצטו זיך די לעצטע צייטן!

מינא: זאָג, זיידע, וואָרום האָסטו ניט קיין באָבע?

ליזא: וואָס וואָלסטו דערפון געהאַט?

מינא: וואָלט איך געהאַט נאָך אַ באָבע. דאַרעלעס זיידע האָט אַ באָבע.

ליזא: האָסט דאָך אויך אַ באָבע!

יאָזעף: יענע באָבע האָט ניט קיין זיידן, און דער זיידע האָט ניט קיין באָבע.

זרח: קענסט עפּעס גוט לערנען, יאָסעלע?

יאָזעף: דער בעסטער אין סקול, זיידע. דער טיטשער זאָגט, איך בין דער סמאַרטעסט באַי אין קלעס.

זרח: דער טיטשער זאָגט? און וואָס זאָגסטו? ביסטו טאַקע אַ גוטער באַי? און דו, מינעלע? ווען גייסטו אין סקול?

מינא: מאַמע זאָגט, זומער.

ליזא: יעס, אויף זומער, נאָך פּסח, דיינק איך איר אַריינצוגעבן אין סקול.

זרח: ווי אַלט איז זי, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר?

ליזא: פינף יאָר ווערט איר פּורים.

זרח: ביסטו שוין אַ גרויס מיידל, מינעלע.

ליזא: נו, וואָס מאַכסטו עפּעס, טאַטע? וואָס מאַכט לייזער? וואָס מאַכט חנה? די קינדערלעך?

זרח: ס׳איז באַלד ניטאָ וואו אַהין צו טאָן זיך. פינף זייגען שוין דאָ, און באַלד קומט אַ זעקסטער . . . צוליב זיי אַליין האָב איך שוין געמוזט אַראָפּנעמען דאָס בערדעלע . . . דער קליינער בערעלע וויל ניט אַנדערש, נאָר איך זאָל אים האַלטן אויף דער האַנט און ער זאָל צופּן מיין באָרד, און אויב ניט, שרייט ער.

ליזא: דו לעבסט דאָרט אין זיס און אין זויער.

זרח: וואָס קען מען זיך העלפן? אָט טאַקע וועגן דעם בין איך געקומען מיט דיר זיך דורכשמועסן. שיק נאָר אַוועק די קינדער אויף אַ ווייל! . . .

ליזא: קינדער, גייט נאָר אַריין אין „פראָנטרום“. — (קינדער גייען אַרויס.)

ליזא: וואָס ווילסטו ריידן?

זרח: הער זיך איין, מיין קינד. ווייסטו? . . . נו, וואָס איז דאָ צו באַהאַלטן זיך? . . . איך בין נאָך ניט קיין אַלטער מאַן. און ביי לייזערן צו זיין, ווייסטו, איז מיר שוין אוממעגלעך. פאַרשטייסט? פאַרשטייסט . . . זינט די מאַמע איז געשטאָרבן, בין איך אַ האַלבער מענטש אויף דער וועלט! . . . שווער צו לעבן אַליין. פאַרשטייסט? פאַרשטייסט, קינד מיינס? . . . און דאָ רעדט מען מיר אַ שידוך . . . זייער אַ פיינע פרוי. און זי געפעלט מיר.

ליזאַ: נו, און אַז דו ווילסט, און דיר געפעלט, וואָס האָב איך דיר וואָס אויסצוזעצן? טו ווי דו פאַרשטייסט און ווי דו פילסט! . . .

זרח: און איצט קומט די הויפּט־געשיכטע: וואו זאָל איך פּראָווען די חתונה? ביי לייזערן קען איך ניט, בלייבט . . . (האַקט אָפּ און שווייגט.)

ליזאַ: כ׳פאַרשטיי, ווילסט אַז ביי מיר זאָל זיין די חופּה!

זרח: יאָ, מיין קינד, כ׳ווייס אַז דיר טוט עס וויי . . . אויך מיר טוט עס וויי . . . און ווייסט דאָך, דיין מאַמע איז געווען אַ גוטע פרוי, נאָר גאָט האָט אַזוי געוואָלט . . .

ליזאַ (ווישט די אויגן).

זרח (קושט זי): פאַרגיב מיר, מיין קינד . . . מיין לעבן איז מיר שווער אָן אַ פריינט. אַן עלטערער מענטש אין דער איצטיקער צייט . . . ניטאָ מיט וועמען קיין וואָרט אויסצורייד ן . . .

ליזאַ ווען ווילסטו חופּה שטעלן?

זרח: טאַקע היינט!

ליזאַ: גוט. נו, באַלד קומט באַרנעט. כ׳וועל אים געבן אָפּצועסן און דו וועסט דערנאָך האָבן דאָס הויז פריי . . .

זרח: וועל איך גיין אַלץ איינאָרדענען. (אָפּ.)

ליזאַ (פּויזע): מיין טאַטע נעמט זיך אַ ווייב און אונדז—אַ שטיף־מאַמע . . .

(באַרנעט דערשיינט — אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, אַ הויך־געוואוקסיקער און פיין געקליידעטער.)

באַרנעט: גוד איווינינג. (קושט ליזאַן) וואו זיינען די קינדערלעך?

ליזאַ: זיי זיינען דאָ. (רופט) קינדער, קומט אַריין, פּאַפּאַ איז דאָ!

(יאָזעף און מינא קומען אריין.ביידע שרייען מיט פרייד: „פּאַפּאַ! פּאַפּעלע!")

באַרנעט (קושט זיי, מינעלען נעמט ער אויף די הענט).

יאָזעף: וואו איז דער זיידע?

ליזאַ: זיידע? . . . (זאָגט ניט מער און גייט אַרויס.)

באַרנעט (זעצט זיך מינעלען אויף די קני): ווייסטו וואָס איך האָב פאַר דיר געבראַכט?

יאָזעף: און פאַר מיר, פּאַפּאַ, האָסטו גאָרניט געבראַכט?

באַרנעט: פאַר דיר אויך. (גיט מינען אַ טרובעצקע און יאָזעפן אַ גראַגער.)

(מינא טרובעט, יאָזעף גראַגערט. ליזאַ דערשיינט.)

ליזאַ (טראָגט אין טעלער דעם נאַכט־מאַלצייט, שטעלט אויפן טיש): וואָס איז דאָס? אין מיטן דערינען אַ גראַגער?

באַרנעט: וואָס הייסט אין מיטן דערינען? האָסט זיך פאַרגעסן, אַז איבער אַכט טאָג איז פּורים?

ליזאַ: אין אמתן? איך האָב זיך גאָר פאַרגעסן!

יאָזעף (גראַגערט): הערט ווי עס מאַכט — גר־גר־גר־גר! . . .

באַרנעט: לייגט אַוועק די צאַצקעס, קינדער, און זעצט זיך עסן.

(מען זעצט זיך אַרום טיש.)

ליזאַ (טיילט אויס יעדן זיין עסן).

באַנעט: איז דער שוועד דאָ געוועז, האַ, ליזאַ?

ליזאַ: יעס, ער איז דאָ געווען און אַוועקגעגאַנגען. וועט באַלד ווידער קומען.

באַרנעט: וואָס איז? וואָס רעדסטו עפּעס אַזוי מאָדנע?

ליזאַ: ער גייט דאָך היינט חתונה האָבן!

באַרנעט: וואָס רעדסטו? אַזוי גאָר? ניט געהערט, ניט געזען! . . .

ליזאַ: וועסט שוין זען, וועסט שוין הערן! . . .

באַרנעט: וואו מאַכט ער די חתונה?

ליזאַ: טאַקע דאָ.

באַרנעט: און אַז מען וויל צוריק ריידן, איז גאָרניט קיין עוולה. ער איז נאָך אַ געזונט יידל. און אַ יונג מיידל נעמט ער דאָך ניט, מסתמא זיינס גלייכן, פאַרוואָס ניט? וואָלגערן זיך ביי לייזערן איז בעסער? . . . זאָל ער כאָטש אויף דער עלטער האָבן אַ היים!

ליזאַ: איך האָב ניט דאַגעגן. עס טוט נאָר ווי . . . כ'וויס ער איז ניט שולדיק! ער האָט זייער גוט געלעבט מיט דער מאַמען . . . (צו די קינדער): גייט אין בעדרום און לייגט זיך שלאָפן. (קינדער אָפּ.)

(לייזער קומט אַריין.)

לייזער (33 יאָר אַלט. טראָגט צעקנייטשטע קליידער מיטן הוט פאַרריסן — ווייזט אויס, ער קלערט זייער ווייניק וועגן זיך): גוד איווינינג. (גיט באַרנעטן די האַנט.)

ליזאַ: געקומען אויף דער חתונה מסתמא.

באַרנעט: וואָרום זעט מען דיך אַזוי זעלטן, לייזער?

לייזער: וואָרום זעט מען דיך ניט? מילא איך האָב גענוג אַרבעט, אויב ניט אין שאָפּ, איז אין הויז . . . אָבער דו? . . .

באַרנעט: דענקסטו, אַז אַ דעזיינער איז אַזאַ גרינגע זאַך? פיל נעכט שלאָף איך ניט פון טראַכטן און קלערן. אַט מאָלט זיך מיר אין מוח אַזאַ סטייל, און פלוצלונג דערזעעסטו אין געדאַנק אַן אַנדער סטייל. גיי איך אין סטריט — טראַכט איך, עס איך, טראַכט איך אויך . . . איך האַלט אין איין טראַכטן . . .

לייזער: און איך האַלט אויך אין איין אַרבעטן.

ליזאַ: ווער הייסט דיך האָבן אַזויפיל קינדער?

לייזער: איך האָב ניט; חנה האָט! . . .

ליזאַ: און צו אַלדי שוואַרצע יאָר חכמהט ער זיך נאָך! . . .

לייזער: וואָס זשע ווילסטו? אַלץ איין קבצן . . . דערפאַר איז אָבער אין הויז פריילעך — איינער וויינט, איינער לאַכט, איינער שפּרינגט, איינער שרייט עסן, איינער — שלאָפן . . . עד, ברודערקע, ס'איז אַ לעבעדיקע וועלט! . . .

באַרנעט: ווי איז דאָס ביי דיר? אַלע יאָר? וויפל האָסטו שוין?

לייזער: כ'בין אַכט יאָר פאַרהייראַט, זיינען דאָ פינף קינדער און, פרעג ניט — אַ זעקסטער קומט.

ליזאַ: שעמען מעגסטו זיך אין דיין אין וויטן האַלדז אַריין!

לייזער: איך זאָל זיך שעמען? וואָרום?

ליזאַ: ווי די הינט!

לייזער: טאָ זאָל זי ניט זיין קיין צויג!

ליזא: אוי, די מענער!

לייזער: אוי, אוי, אוי, די ווייבער! נו גענוג, אָבער וואָס זאָגסטו עפּעס אויפן טאַטן? האָט געשפּילט אַ ליבע און מיר האָבן ניט געוואוסט.

ליזא: און דו וועסט פאַרלירן אַ באָרדער!

לייזער: יאָ אַ באָרדער, ניט אַ באָרדער, אַ ניאַנקע — געוויס! . . . בערל וויל דאָך צו קיינעם ניט גיין, וויל נאָר ביי אים זיצן אויף די הענט און צופּן זיין בערדל . . .

באַרנעט: דאָס וואַקסט שוין אַן אַמעריקאַנער „באָם". ער צופּט שוין קליינערהייט די בערד.

לייזער: ווי דאָס זאָל ניט זיין — דעם טאַטן ווערט ווערן גרינגער און מיר ווערט ווערן שווערער! נו, איך דענק, מע דאַרף גיין, ווייל איך קען כאַפּן דעם ריכטיקן סטאַק . . .

ליזא: ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען! . . .

לייזער: אָבער ווען זיי וועלן אונטערוואַקסן, וועל איך זיין אַ פּריצל . . .

באַרנעט: ביז זיי וועלן אונטערוואַקסן וועסטו אַ היפּש ביסל גראָע האָר האָבן.

לייזער: מיט דעם ניט סטראַשע מיך. פאַר דעם האָבן מיר ניט קיין מורא... גראָ וועל איך שוין ניט ווערן, ווייל איך בין עס שוין!

ליזא: יע, יע, ער איז שוין האַלב גראָ.

לייזער (הויבט זיך אויף): מע דאַרף גיין. גוד־נאַיט! אַ גוטע נאַכט!

ליזא: זאָג חנהן, אַז איך וועל ביי אייך זיין, באַלד.

באַרנעט: ווערסט אַוועקגיין?

ליזא: מיינסט דאָך ניט, אַז איך זאָל זיין ביים טאַטן אויף חתונה?

לייזער: גוד־נאַיט. (אָפּ)

באַרנעט: שוין האַלב גראָ, אַ יונגערמאַן פון 33 יאָר. און קינדער? — וואָס מער, ווי אַ שיכור . . . וויל זיך ניט פאַרגרינגערן. אַ פערד אין יאָך . . . און זי? וואָרום טוט זי גאָרניט? איר איז דאָך נאָך שווערער? .

(ליזא ראַמט אַראָפּ פון טיש, טראָגט אַרויס דאָס אָפּגעראַמטע און קומט צוריק אַריין.)

ליזא: איך גיי איצט צו לייזערן. דאָרט האָב איך אָנגעגרייט טעלער, לעפל, גלעזלעך און גלעזער. (עס דערהערט זיך אַ געטומל פון דרויסן) אָן גייען זיי שוין! (כאַפּן זיך גיך אַרויס.)

(עס קומען אַריין: דער שדכן, זרח, ביילע, די כלה, אַ מסדר קדושין און נאָך עטלעכע מענער.)

זרח (דערלאַנגט באַרנעטן די האַנט): וואָס מאַכסטו, באַרנעט?

באַרנעט: וואָס מאַכט איר, שווער?

שדכן (אַ יידל פון אַ יאָר 50, אין אַ סורטוק מיט אַ שפּיציק בערדל. רעדט מיט אַ פּרויענשטימע): וואָס ער מאַכט, פרעגט איר? אַ חתונה מאַכט ער! . . . ער קריגט אַ ווייבל, אַ בריליאַנט, שיין און קלוג. אפשר אויף העלפט יונגער פון אים. אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ ווייבל דאָס איז. טוט נאָר אַ קוק, אַן שטייט זי. (ווייזט אויף ביילען) אמת, זי איז אַ גרינע. נו, וואָס מאַכט עס אויס? אין אַ פּרט איז בעסער.

ביילע (35 יאָר אַלט, מיטעלן וואוקס, אָנגעטאָן אין גרינע קליינער):

רעדט נאָר ניט קיין לשון הרע אויף מיר, ווייל כ׳פאַרשטיי ניט קיין ענגליש, בין ערשט אַ דריי חדשים אין לאַנד . . .

שדכן: האָט ניט מורא, מיסעס, דאָ איז אייער צוקונפטיקער מאַן!

מסדר קדושין: (אַלט 60 יאָר, מיט אַ לאַנגער באָרד, טראָגט אַ לאַנגע קאַפּאָטע): שוין אַלעס פאַרטיק? וואו איז די חופה?

שדכן: פאַרטיק, פאַרטיק! וואו איז די חופה? א, גאָר פאַרגעסן. אין האַלקע געלאָזן. (ברענגט אַריין די חופה.)

באַרנעט: זייט אַזוי גוט, מיסטער שדכן, לאָזט אַפּריער צוגרייטן צום טיש. אַ ביסל בראָנפן אָנגרייטן, און עפּעס צובייסנס . . . וואָס יאָגט איר זיך? . . דער שידוך וועט ניט צעגיין, ווי ס׳זעט אויס . . . טאָ וואָס איילט איר זיך?

שדכן: ווער איילט זיך? וואו זעט איר איך זאָל זיך איילן? דער מסדר קדושין איילט זיך!

זרח: כעס זיך ניט, באַרנעט. אָט דאָ אין פּעקל איז שוין אַלעס פאַראַן. (נעמט פאַנאַנדער דאָס פּעקל. פון דאָרט נעמט ער אַרויס אַ פלעשל מיט בראָנפן, מיט לעקאך און טאָרט.)

באַרנעט: גוט, און איך וועל אַריינטראָגן קעלישקעס, טעלער, גאָפּלען, מעסער. (אָפּ)

שדכן: מיסעסביילע, זעצט זיך. וואָס שטייט איר?

ביילע (שמייכלט): דאַנקע, דאַנקע, אַ דאַנק, אַ דאַנק!

שדכן: זייט היימישער, אייגענע מענטשן. וואָס איז, ניט אַזוי, מיסטער זרח?

זרח: געוויס, געוויס אַזוי, נאָר ס׳מאַכט ניט. זי וועט שוין היימיש ווערן.

ביילע: צום ערשטן מאָל אין אַ נייער שטוב, און צו דערצו נאָך אַ גרינע.

שדכן: האָט ניט מורא, וואָס איר זייט אַ גרינע. איך בין שוין 20 יאָר אין אַמעריקע און פרעגט מיך אויב איך ווייס אַ וואָרט ענגליש?

ביילע: 20 יאָר און איר קענט ניט קיין ענגליש?

שדכן: ס׳הייסט איך קען יאָ אַ ביסל: כ׳קען שור, אָלראַיט, ביזנעס, לענד־לאָרד, באָם, דזשעניטאָר, גערעיערבאָם! פאַרשטיין פאַרשטיי איך נאָך מער אַ ביסל, נאָר כ׳קען ניט ענטפערן: גיי טו זיך עפּעס! . . .

באַרנעט (קומט אַריין מיט גלעזער, טעלער, און לאַכט אויפן קול.)

שדכן: וואָס לאַכט איר אַזוי, האַ?

באַרנעט: דאָס לאַך איך פון אייער ענגליש, כאַ־כאַ־כאַ! איר קענט דאָך ווערן אַ לאַיער . . . וואָס טויג אייך צו זיין אַ שדכן? . . .

ביילע: דאַנק גאָט, אַבי ניט פון מיר.

באַרנעט: איר האָט זיך גאָרניט וואָס צו שרעקן, מאַדאַם, און שעמען דאַרפט איר זיך אויך ניט. ס׳איז דען אַ שאַנדע, אַז מען איז גרין? ווער עס קומט קיין אַמעריקע איז אַ גרינער . . . אַ שאַנדע איז נאָר, אַז מען איז 20 יאָר אין אַמעריקע און מען איז אַ גרינער . . . דאָס, זעט איר, איז שוין אַן אַנדערער ענין.

שדכן: נו, דאָס מיינט ער מיך — אַרט עס מיך אַ סך! . . . נו, מע דאַרף די חופה שטעלן. (ער נעמט זיך אויפשטעלן די חופה. די מענער האַלטן די שטאַנגען): חתן, קומט אַרונטער אונטער דער חופה.

(זרח שטעלט זיך אונטער דער חופה)

באַרנעט: און די כלה האָט דאָ גאָר קיין אייגענע ניט?

שדכן: דאָ איז פֿאַראַן אירער אַ ברודער. (ווייזט אָן אויף אַ מאַן — אַ געל יידל פון אַ יאָר 50) אַ לייבלעכער, האָ?

איציקל: אַ לייבלעכער ברודער! . . .

(דער מסדר קדושין גיסט אָן אַ גלאָז בראָנפן און עס פאַנגט זיך אָן די חתונה, וועלכע ווערט געפראַוועט מיט אַלע קניפּעלעך. נאָך דער חופה פילן זיך אַלע היימישער, פריילעכער. אויך די כלה פילט זיך פרייער, און אויפגעלייגטער. די חופה ווערט אַרויסגעטראָגן אין האַלקע. דער עולם צעזעצט זיך.)

שדכן: מזל טוב, מזל טוב! גאָט זאָל געבן איר זאָלט ביידע אייערע יאָרן אָפּלעבן אין גליק און אין פרידן. אמן!

אַלע: אמן, אמן! . . .

באַרנעט (גיסט אָן אַ גלעזל): נו, עולם, נעמט צוביסלעך.

שדכן (טיילט אויס צו יעדן אַ קעלישעק, נעמט זיך אויך איינס): לחיים, עולם, מיר זאָלן נאָר טרינקען אויף חתונות! . . .

איציקל: לחיים, שוועסטער, לחיים שוואָגער. (גיט זרחן די האַנט און צע־קושט זיך מיט אים): מיר זאָלן דערלעבן אויף שמחות!

זרח: לחיים, אַלעמען. לחיים, מיין ווייב. מיר זאָלן אויסלעבן אונדזערע יאָרן צוזאַמען. לחיים, באַרנעט! . . .

ביילע: אמן! אמן! . . .

באַרנעט: איך טרינק ניט קיין בראָנפן, נאָר צוליב אייך, שווער, וועל איך טרינקען נאָך אַ ביסל בראָנפן . . . נו, לחיים, שווער. איך ווינטש אייך, ווי איר ווינטשט זיך אַליין! . . . גוט איז נאָר, ווען עס ענדיקט זיך גוט. אַלזאָ . . . (צו ביילען): איך ווי דאַרף איך רופן — שוויגער, צו מומע?

ביילע: רופט מיך ווי אַזוי איר ווילט. רופט מיך ביילע! . . .

באַרנעט: זאָל זיין ביילע! . . . לעבט ווי איר ווינטשט זיך אַליין און זעט אַז מיין שווער זאָל זיין צופרידן מיט אייך!

ביילע: דאַנק אייך. און לאָמיר האָפן אַז ער וועט זיין צופרידן!

שדכן: אָן אמתע חתונה, קלעזמאָרים בלויז פעלן.

באַרנעט: כ׳האָב קלעזמאָרים אויך. אָט וועט איר באַלד הערן. (לאָזט שפּילן אַ „רעקאָרד" אין פאָנאָגראַף. עס שפּילט מישאַ עלמאַן.)

שדכן: איי גוט! . . . (שמאַצקעט מיט די ליפּן, שנעלט־צו מיט די פינגער.)

(אַלע הערן זיך ערנסט איין ביז עס הערט אויף שפּילן.)

מסדר קדושין: עס איז טאַקע גוט! . . .

שדכן: דאָס צעגייט דאָך אין די גלידער! . . .

מסדר קדושין: עס וואָלט זיך אָבער געוואָלט הערן עפּעס אַ שטיקל חזנות.

באַרנעט: איך קען אייך לאָזן הערן אַ שטיקל חזנות אויך. (לאָזט שפּילן אַ רעקאָרד פון קוואַרטינען.)

מסדר קדושין (פאַרגייט זיך): איי גוט! אָן אַנטיקל! . . . ס׳צעגייט אין דיביינער!

שדכן: נו, עולם, מע דאַרף ענדיקן דאָס פלעשל בראָנפן און צעגיין זיך אַהיים. (גיסט אָן גלעזלעך.)

באַרנעט: שווער, האָט איר שוין רומס?

שדכן: רומס איז אויך אַ ווערדע צו קריגן?

באַרנעט: נעקסט דאָר, ביי אונדז, ליידיקט זיך אויס מאָרגן רומס.

זרח: וויפל רומס? דו ווייסט ניט? בעט לאהן זי זאָל זען, און אויב זיי וועלן איר געפעלן, זאָל זי זיי נעמען, פאַר אונדז.

באַרנעט: גוט, איך וועל איר זאָגן.

ביילע: כ׳וואָלט טאַקע געוואָלט וואוינען לעבן אַן אייגענעם מענטשן, וואָלט מען מיר געצייגט וואָס, ווען . . . איך בין דאָך פאָרט אַ גרינע.

זרח: זאָג ליזאַן, זי זאָל פאַר אונדז נעמען די רומס. אויב עס וועלן זיין צופיל רומס, וועלן מיר איין צימער פאַררענטן.

שדכן: כ׳דענק, אַז עס ווערט שפּעט.

מסדר קדושין: שוין צייט אַהיימצוגיין.

איציקל: אויב אַהיים, זאָל זיין אַהיים. נו, ביילע, ס׳גיין? דערוויילע, וועסטו זיין ביי מיר . . . עטלעכע טעג . . .

זרח: בלויז עטלעכע טעג. מאָרגן קויף איך מעבל. מיין טאָכטער וועט דאָ פאַר מיר נעמען די רומס . . .

ביילע: נו, מסתמא קען עס אַנדערש ניט זיין. אַבי לעבן אייגענע . . .

איציקל: נו, גיי איך. קום, ביילע; איר, שוואָגער, בלייבט דאָ?

זרח: כ׳גיי, כ׳גיי אויך. באַרנעט, פאַרגעס ניט די רומס. גוד־נאַיט, באַרנעט!

באַרנעט: גוד־נאַיט, שווער!

(אַלע געזעגענען זיך און מע גייט זיך פאַנאַנדער.)

באַרנעט (שרייט נאָך דעם שדכן): מיסטער שדכן, איר האָט מיך אויס־געלערנט ענגליש: שור, לענדלאָרד, באָם, גערואַריער — באָם! . . . .

שדכן (פון דרויסן): איר הערט, רב זרח, ער לערנט זיך פון מיר ענגליש. (לאַכט אָפּ.)

באַרנעט (אַליין, נאָך אַ פּויזע, שאָקלט מיטן קאָפּ): אַלטער נאַר, האָסט אַ יונג ווייב זיך גענומען! . . .

(פ א ר ה א נ ג)

ניו יאָרק, 1912.

מוטער און קינדער

1910

מוטער און קינדער

פּערזאָנען:

באַשע: מוטער.

באַנעט: איר זון.

שומער: זיין פריינט.

סאַפּע: איר טאָכטער.

צייט און האַנדלונג: 1908, ניו יאָרק.



ברוך ריווקין

(די בינע שטעלט פֿאָר אַן איינפֿאַך אַרבעטער־צימער, אָבער ריין, זויבער, אַלץ אין אָרדענונג. בילדער אויף די ווענט, ווי טאָלסטאָי, קאַרל מאַרקס און נאָך אייניקע. ביכער אין אַ בוך־שראַנק. אייניקע ביכער אויפֿן טיש. ס'איז ווינטער—אַן אויוון ביי דער וואַנט. **באַשע** שיט קוילן, טרייסלט, מאַכט דעם אויוון. זי זיפֿצט. איר פּנים איז מאָגער פֿון זאָרג און פֿון דאגה. זי גייט אָנגעטאָן אין שוואַרצע קליי־דער, אָבער ריין. ווען זי ענדיקט דאָס מאַכן דעם אויוון, באַדעקט זי דעם טיש, שטעלט אַרויף אַ טעלער, לעפֿל, ברויט. בלייבט שטיין, דענקט פֿון עפּעס.)

באַשע: באַלד, מיינע אָרעמע קינדערלעך, וועט איר קיין מאַמע אויך ניט האָבן — ניט האָבן ווער עס זאָל אויף אייך אַכטונג געבן. (**זיפֿצט און ענדיקט דעם טיש גרייטן. זעצט זיך לעבן טיש אויפֿן שטול, לייגט זיך און טראַכט ווידער**): נו, וואָס וועט מיר העלפֿן מיין טראַכטן? דאָס טראַכטן ברענגט מיר נאָר שמערצן, ליידן, פֿאַרצווייפֿלונג. (קליינע פּאָזע). אַ ביטערער קאַמף דאָס לעבן. די וועלט איז אַזוי שיין, אַזוי רייך, פֿול מיט אוצרות, פֿול מיט גליק, אָבער איינער נעמט דאָס אַלעס צו, און טויזנטער שמאַכטן, לעכצן נאָך אַ ביסל גליק. אַך, ווי שווער צו לעבן! לעבן אין אָרמוט און נויט, עלנט, פֿרעמד און פֿאַרשעמט פֿאַר זיך זעלבסט. (אַ קלאַפּ אין טיר) קאַם־אין. (**שומער דערשיינט.**)

שומער: גוד איווינינג, מיסעס זייצעוו. (פֿאַרכאַפּט זיך) כ'פֿאַרגעס אימער, מיסעס ליכטשטיין.

באַשע: גוטן אָוונט, גוטן אָוונט.

שומער: איר ווילט נאָך אַלץ בלייבן אַ גרינע. נאָך ניט צייט אַז איר זאָלט אַנפֿאַנגען צוגעוואוינען זיך צום געדאַנק, אַז איר זייט אין אַמעריקע?

באַשע (מיט אַ וויינענדן טאָן): ניין, איך קען ניט! איך וויל ניט! איך וויל ניט זיך צוגעוואוינען אַז איך בין אין אַמעריקע שוין מער ווי אַ יאָר; אַז איך קעמף מיט זיך, מיט מיר אליין. נו, זאָגט אַליין, וואָס האָב איך דאָ? דאָס לעבן איז שווער, די קינדער פֿאַרדינען ווייניק, ס'איז ווייניק פֿאַר זיי אַליין. בין איך נאָך אַ לאַסט אויף זיי און מוז אָנהאַלטן רומס צוליב מיר און איך אַליין בענק אַהיים דאָרט וואו דער קבר פֿון מיין מאַן, פֿון מיינע עלטערן. וואָס בין איך דאָ? ווער קען מיך דאָ? ווער קען דאָ באַשע ליכטשטיין פֿון ווילנע, די רייכע ליכטשטיין, וואָס איז אָרעם געוואָרן אין איין נאַכט . . . אַך, וואָס פֿון אונדז איז געוואָרן! דער שטאַרקער מאַן האָט דאָס ניט געקענט אויסהאַלטן די שאַנדע און . . .

שומער: צוליב וואָס אויפֿרויען דאָס פֿאַרהיילטע, דאָס פֿאַרגעסענע?

באַשע: קיינמאָל וועט מיין וואונד ניט פֿאַרהיילט ווערן; קיינמאָל וועט מיין אומגליק ניט פֿאַרגעסן ווערן.

שומער: איז עס ווירקלעך, אַז איר ווילט פֿאָרן אַהיים און פֿאַרלאָזן אייערע קינדער דאָ אַליין? דאָס האָט מיר סאָפֿע געזאָגט, דערציילט נעכטן.

באַשע: שווער, זייער שווער. איך בין ווי אַ הון וואָס האָט אויסגעבריט ענטעלעך. איך שטיי ביים ברעג, די ענטעלעך שווימען אַוועק פֿון מיר, און איך, די הון, וואָרף מיט די פֿליגל, וויל זיין לעבן מיינע ענטעלעך, אָבער די ענטעלעך קענען ניט און פֿילן ניט די יסורים ווען זיי פֿאַרשווימען פֿון דער הון. זיי ציט צום וואַסער, און די הון פֿילט נאָר דעם ווייטיק. זי האָט זיי אויסגעבריט. איך

האָב זיי געבאָרן. איך בין די הון און זיי זיינען די ענטעלעך . . . און שווימען פון מיר אַוועק, און איך שטיי ביים ברעג און שריי און רוף . . .

שומער: איך זע ניט איין ווארום איר זאָלט זיך פילן שלעכט לעבן אייערע קינדער. זיי רעספעקטירן אייך, שעמען זיך מיט אייך ניט. איר פאַרשאַפט זיי פילע שמערצן מיט אייער אויפפירן זיך און דאָך זיינען זיי מיט אייך זייער צופרידן.

באַשע: מיינט דאָס ענטעלע שלעכטס צו טאָן דער הון, ווען זי שווימט אַוועק פון דער הון? דאָס ניט! איר ציט צום וואַסער . . .

שומער: מיסעס ליכטשטיין, איר רעדט אַזוי פאַרשטעלט, אַז איך פאַר־שטיי אייך ניט.

באַשע: מיר באַלאַנגען צו אַנדערע וועלטן. איך בין געבאָרן און דערצויגן געוואָרן אונטער אַן אַנדער אַטמאָספערע. איך האָב געגנאָסן אַ ביסל בילדונג, אָבער דאַן איז געווען אַן אַנדער צייט, און איצט איז גאָר, גאָר אַן אַנדער וועלט . . .

שומער: קענט איר זיך ניט פירן ווי איר ווילט? זיי שטערן אייך ניט. זיי מיידן אויס צו טאָן דאָס, וואָס קען אייךליידן פאַרשאַפן.

באַשע: אמת, זיי זיינען טאַקע גוטע קינדער, ניטאָ מיט זיי זיך וואָס צו שעמען, קעגן אַנדערע. אָבער, דאָס האָט דאָך ניט צו טאָן מיטן צווייטן. איך ליב זיי ווי מיין לעבן. איך האָב זיי געטראָגן, אַליין זיי געזויגן, ניט געלאָזן קיין אַם זאָל זיי זויגן. מיט צערטלעכער מוטער־ליבע זיי דערצויגן.

שומער: טאָ זאָגט מיר וואָס אייך פלאָגט! איך ווייס, אייך מאַטערט וואָס? עפּעס שווערס דריקט אייער גוט הארץ.

באַשע: זאָגט אַליין, דאַרט ביי אונדז אין ווילנע? זיי זיינען גאַנץ פריי געווען. איך פלעג זיי ניט שטערן. מיין מאַן, עליו השלום, האָט זיי אויך ניט געשטערט. פריי זיי דערצויגן. זיי פלעגן ברענגען גאַנצע קאָמפּאַניעס בחורים און מיידלעך, זיי פלעגן פאַרברענגען. אָבער עס בענקט מיך. די רו, די געטלעכע רו . . . די שיינקייט פון דעם שבת־צו־נאַכט, פון פרייטיק ביים טיש. די אַראָפּ־געוואָרפענע וואָכעדיקייט — האָט איר אַ באַגריף?! די חלה האָט געשמעקט, די פיש האָט געשמעקט, דער קידוש . . . (ווישט די אויגן מיטן נאָזטיכל).

שומער: ווער דאַרף דאָס אַלעס, די רעליגיעזע צערעמאָניעס?

באַשע: אָ, דאָס איז דער אונטערשייד פון אַ הון מיט ענטעלעך. די שיינ־קייט . . . איך בענק נאָך דער שיינקייט פון דעם אַראָפּגעוואָרפענעם וואָכעדיקן לעבן . . . אָט זעט היינט, שבת־צו־נאַכט, זיי אַרבעטן נאָך, שבת! . . . אין דער־היים איצט ווי פריילעך ס'איז געווען, ווי ליכטיק . . .

שומער (שפּאַנט איבערן צימער. אים דריקט די בענקשאַפט נאָך דעם שבת): יע, ס'איזווירקלעך שיין דער שבת. יע, איך מוז דאָס אייך צוגעבן, אָבער — (סאָפּע דערשיינט.)

סאָפע: גוד איווינינג. (לאַכט.) איך האָב געהערט אייער געשפּרעך, כאַ־כאַ־כאַ! און אייך, מיסטער שומער, האָט זיך אויך פאַרבענקט נאָכן שבת?! כאַ־כאַ־כאַ!

שומער: נישטאָ פון דעם צו לאַכן. פאַרקערט, נאָר אַ ריינער עסטעטישער געפיל. אויב איר ווילט וויסן, איז אייער מוטער כאָטש אַ האַלב־פאַנאַטישע, אָבער אַן עסטעטישע, מיט עסטעטישע געפילן.

סאָפע: ווייסט איר, אַז מיין מוטער איז אַ געבילדעטע פרוי. זי קען מער

שפּראַכן פון אונדזביידן. יע, יע. איך מיין עס ערנסט, ווי איר קוקט זי אָן.

שומער: איך זאָג אַליין, זי איז אַן אינטעליגענטע פרוי.

סאָפּע: מאַמאַ, ווייסט אז איך האָב געקראָגן א רעיז, 5 דאלער, האָב איך היינט געקראָגן פיידע, נאַ. (דערלאַנגט אַ פינף־דאלער־ביל.)

באַשע: נו, מיין נחת, פינף דאלער. אָבער וואָרום ביסטו היינט שפּעטער געקומען ווי געוויינטלעך, מיין טאָכטער ? . . .

סאָפּע: וועל, וועל . . . דער באָס האָט מיר געמאַכט דעם סורפּרייז, האָט ער מיך געלאָזן וואַרטן ביז צולעצט, דערנאָך האָט ער מיך צוגערופן און געזאָגט: קריגסט אַ רעיז דערפאַר ווייל דו ביסט די לעצטע.

שומער: דאָס גאָר? . . . מער האָט ער אייך ניט געזאָגט גאָרניט? . . .

סאָפּע (ווערט רויט, שטאַמלט האַלב דערשראָקן): וואָס וואָ—ס פאַלט אייך איין? . . . וו—אָ—ס ? . . .

באַשע: ביסט געוויס הונגעריק, טעכטערל. זעץ זיך און עס וועטשערע . . . (קומט בייז אויף שומערן.)

סאָפּע (דערשלאָגן, פילנדיק ווי ער וואָלט אַלץ געהערט און געוואוסט): ניט איבריקס, ניט איבריקס.

שומער: ווי עס זעט אויס, האָט אייך די שמחה פון רעיז פאַרטריבן דעם אַפּעטיט! ניט וואָר, איר פרייט זיך, מיס זייצעוו? . . .

סאָפּע (אַ ביסל דרייסטער. אין די רייד פילט זיך אַ ציטער): געוויס שוין צוועלף וואָכן ווי איך האָב קיין דאלער ניט פאַרדינט. איך האָב זיך פאַרדונגען פאַר 4 טאלער אַ וואָך און . . .

שומער: און פלוצים אַ רעיז אַ דאלער . . .

סאָפּע: נעקסטע וואָך, האָט ער מיר געזאָגט . . .

שומער: וועט ער ווידער רעיזן, ניט וואָר? . . .

באַשע: עסן. גענוג, מיסטער שומער, לאָזט איר אָפּעסן.

סאָפּע (אין פאַרלעגנהייט): האָט איר מיר געבראַכט וואָס איר האָט מיר פאַרשפּראָכן, מיסטער שומער?

שומער: אַז איך פאַרשפּרעך, היט איך מיין פאַרשרעכן!

סאָפּע: ווען אַלע וואָלטן געווען אַזוינע אמתע מענטשן ווי איר, מיר דוכט, וואָלט קיין שעלכטס ניט געווען אויף דער וועלט . . .

באַשע: אָבער דאָס איז די צרה, מיין קינד, אַז גוטע זיינען זייער ווייניק און שלעכטע אַזוי פיל.

שומער (נעמט אַרויס אַ בוך פון קעשענע): אָט האָט איר דעם בוך.

סאָפּע: איך, (נעמט דעם בוך) איך דאַנק אייך.

באַשע: וואָס איז דאָס פאַר אַ בוך, סאָפּעלע?

שומער (צו באַשען): דאָס בוך איז שוין איינמאָל אַ בוך, עס האָט אויפ־גערודערט די גאַנצע פּרעסע. דער שרייבער רייסט אַרונטער די מאַסקעס פון אונדזערע רעדל־פירער. דאָס בוך הייסט „דער גייער אמת". אָט ווען מיר האָבן אַזעלכע ווי דער שרייבער אַ סך, וואָלט טאַקע די וועלט געווען אַ שיינע, אמתע וועלט.

סאָפּע: קענט איר אַמאָל דעם שרייבער?

שומער: פּערזענלעך קען איך אים ניט, נאָר איך האָב אים איינמאָל געזען. באַנעט קען איך אים גוט. באַנעט קען אים פּערזענלעך.

באַשע (צו סאָפּען): וואָרום עסטו ניט?

שומער: עסט, עסט. אפשר בין איך צו איבעריק? (הויבט זיך אויף): איך דאַרף שוין סיי־ווי גיין.

סאָפּע: ווער זאָגט עס, אַז איר זייט איבעריק? (שטעלט זיך אויף): גייט ניט אַוועק! באַלד קומט באַנעט. איך בעט אייך, (פּאַזע) וואָס פאַר אַ מאָדנער מענטש איר זייט?! . . .

שומער: אפשר האָט איר רעכט. (באַשע אַפּ אומבאַמערקט.) צייטנווייז פיל איך זיך אליין צו זידלען פאַר מיין כאַראַקטער. מיר דוכט, אַז איך בין יעדן אין וועג, יעדן שטער איך, רק איך לאָז דעם צווייטן מיין וועג . . .

סאָפּע: גלויבט איר ניט, אַז דאָס איז לייכטזין? איר זייט . . .

שומער: ניין, איר האָט אַ טעות אין מיר. איך בין ניט לייכטזיניק, נאָר איך בין סענטימענטאַל. איך בין פון יענע האַלבע פּסיכאָלאָגיסטן. נאָר וואָרום זאָל איך זיך אַזוי באַרימען? ניין! איך בין אַ וואָרים!.. דאָס וואָס איך בין...

סאָפּע: דאָס אַליין ווייזט, אַז איר זייט ניט קיין וואָרים, ווייל איר רופט זיך וואָרים; ווייל אַ וואָרים וויל קיינמאָל ניט זאָגן, אַז ער איז אַ וואָרים. נאָר ניט אַנדערש ווי אַ שלאַנג . . . אַ מעכטיקע שלאַנג! . . .

שומער: אַך, סאָפּע, וואָס פאַר אַ גוטע נשמה איר האָט. איר זייט דאָך אַזוי — (עס הערט זיך באַנעטס שטימע, ווי ער רעדט צו יעמאַנדן: באַלד וועל איך דאָרטן זיין. באַנעט דערשיינט.)

באַנעט: גוד איווינינג. (צו שומערן): גוט וואָס דו ביסט דאָ. אַבי איך האָב געוואָלט צו דיר גיין. מיר דאַרפן דיך נייטיק האָבן. בין איך הונגעריק, צום טייוול, ווען ניט דער עסן, ווי גוט וואָלט עס געווען. נו עסן! (קוקט זיך אַרום ניט טרעפנדיק די מוטער): וואו איז די מאַמע?

סאָפּע (קומט אויף שומערן): האָט איר זי באַמערקט אַרויסגיין?

שומער: זי איז נאָר וואָס דאָ געזעסן.

באַנעט (גייט צו צו דער טיר פון שלאָפצימער): מאַמאַ, מאַמאַ, אַ טעלעגראַם. (זעצט זיך לעבן טיש, ברעכט דאָס ברויט און עסט. באַשע דערשיינט.)

באַשע (רייבט די אויגן): וואָס האָסטו געזאָגט — אַ טעלעגאַם?

באַנעט: יע, אַ טעלעגראַם, מאַמע.

באַשע: פון וועמען?

באַנעט: פון מיין מאָגן. (אַלע לאַכן.)

באַשע (גרייט דאָס עסן): וואָס עפּעס אַזוי שפּעט היינט?

באַנעט (בייסנדיק דאָס ברויט): נאָכן עסן. אָפּעסן.

(אַלע זעצן זיך אַרום טיש. שומער בלייבט זיצן פון דער ווייטן.)

באַשע: עסט מיט אונדז, מיסטער שומער — וועט זיין פאַר אַלעמען. רוקט זיך צו. (שטעלט פאַר אים אַ טעלער.)

שומער: איך בין זאַט. איך דאַנק אייך זייער. שטערט זיך ניט. איך וועל עפּעס לייענען.

סאָפּע (צו שומערן): אָבער זיצן מעגט איר לעבן טיש. מילא עסן, וועלן מיר אייך מיט גוואַלד ניט געבן, אָבער זיצן מעגט איר דאָך לעבן טיש, שעמען מעגט איר זיך . . .

באַנעט: ווי זי בעט זיך ביי אים. זאָל ער ניט עסן, וועט פאַר אונדז זיין מער. (צו שומערן): ניט וואָר, שומער?

סאָפּע (צו באַנעטן): שווייג און עס. אויב דיר איז ווייניק, נאָ דיר מיינס אויך. (שטופּט צו אים דעם טעלער.)

באַשע: נאָר ניט געקריגט זיך. עסט און שומער וועט אויך עסן. (שומער זעצט זיך ביים טיש.)

שומער: איך וועל זיך זעצן, נאָר ניט עסן. (זעצט זיך לעבן סאָפּען.)

(עסן און שווייגן. שומער לייענט דאָס בוך.)

באַנעט: אָפּגעגעסן, נאַ, אָט האָסטו דיין פּיידע. (גיט באַשען דאָס געלט.)

באַשע (ציילט): איינס, פינף, זיבן, אַכט. אַכט דאלער, דאַנקען גאָט. אַ גאַנצע וואָך געאַרבעט.

באַנעט: נעקסטע וואָך, מאַמעניו, ווייס איך ניט אויב כ'וועל האָבן פּיידע פאַר דיר.

סאָפּע: וואָס איז ווידער? . . .

באַשע: וואָס רעדסטו, מיין זון? נעקסטע וואָך דאַרף מען רענט געבן.

באַנעט: מיר גייען סטרייקן!

באַשע: ווידער סטרייקן! איר האָט דאָך ערשט געסטרייקט און געוואונען.

באַנעט: געוואונען, טאַקע געוואונען. נאָר דער באָס איז זיך מיישב און זאָגט, אַז מיר האָבן גאָר פאַרלאָרן, און וויל ביי אונדז אַרונטעררייסן צוויי דאלער פון דער וואָך. ער קען ניט צאָלן אַזויפיל . . .

באַשע: גאָטעניו מיינער, ווען צו מיינע צרות גאָר קיין ענד ניט נעמען? איך בין דאָך נאָך שולדיק פון יענעם סטרייק.

באַנעט: היינטיקער סטרייק וועט זיין אַ גענעראַל סטרייק פון אונדזער גאַנצן טרייד. צען טויזנט אַרבעטער וועלן מאַנטיק אַרויס אין קאַמף, און די קייטן וועלן מיר צעררייסן, און אין אַ שטאַרקער מאַכט פון אַ יוניאָן וועלן מיר קעמפן פאַר אַ בעסערן לוין . . . יע, מאַמע, אָן קאַמף וועט אונדז קיינער ניט געבן, מיר מוזן נעמען. (זינגט):

„ניכטאָ ני דאַסט נאַם אַסוואָבאָזשדעניע,
ני באָג, ני צאַר, ני גערויי:
מי סאַמי דאָביאַמסיאַ אַסוואָבאָזשדעניע,
סוואָיעי אי סאָבסטווענאָי רוקאָי! . . .“

באַשע: קינד מיינס, מיר זיינען דאָך בעלי־חובות פון אַלטן סטרייק. מען וועט דאָך אונדז אין גאַס אַרויסשטעלן. גאָט מיינער!

באַנעט: ניט פאַרצווייפלט, מאַמע, אָן ליידן קען קיין פריידן ניט זיין. אָבער דאָך, נאָכן סטרייק, וועלן מיר דיר ניט ברענגען קיין אַכט סמאָלאַרעס, נאָר צוויי מאָל אַכט . . . (צו שומערן): נו, פריינט שומער, היינט איז אַ מיטינג ביי אונדז. און דו? דו ווייסט דאָך! . . .

שומער: איז דען ווידער אויף מיר אויסגעפאַלן מיין אָרעמען האַלדז צו מאַטערן.

באַנעט: ווען פאַלט דען אויף דיר ניט אויס? ביסט דאָך ווירקלעך פאָפּולער פאַר דעם.

שומער: ווער איז טשערמאַן? און ווער וועט נאָך ריידן?

באַנעט: טשערמאַן בין איך, און רעדנער, ווייס איך אַליין ניט. עס וועלן זיין צווישן די רעדנער יאָסעף ליטוי.

שומער: יאָסעף ליטוי? ביסט זיכער, אַז ער וועט ריידן? אויב ער זאָל ריידן, דאַן וועט דער מיטינג זיין אַ מאָראַלישער דערפאָלג.

סאָפּע: אַזאַ פּאָפּולערער מאַן איז ער?

שומער: דאָס איז דער פאַרפאַסער פון „דער נייער אמת“. נו גייען מיר?

באַנעט: נו קום! (ביידע אָפּ.)

(ווען זיי גייען אַרויס, ראַמט באַשע אָפּ פון טיש. סאָפּע העלפט איר. ביידע שווייגן אין אַ לאַנגער פּאַוזע. באַשע צעשטעלט די שטולן אין אָרדענונג אַרום טיש, זיפצט און שווייגט.)

סאָפּע: זאָג מיר, מאַמע, מוז אימער דער לייב זוכן צו פאַרצוקן דאָס שעפּעלע, אַפילו ווען ער איז זאַט? . . . מוז עס זיין אַזוי? . . .

באַשע (קוקט אויף איר מיט שרעק און פאַרדאַכט): אַ לייב?! ניין! אַ לייב — דאָס ניט! אַ לייב, ווען ער איז זאַט, וועט ניט זוכן זיין רויב. נאָר אַ וואָלף טוט עס אימער . . . (פּאַוזע.) אָבער אייגנטלעך, וואָרום פרעגסטו עס? (גייט צו סאָפּען, קוקט אויף איר פאַרשנד): זאָג מיר, סאָפּע, וואָס האָט היינט פּאַסירט? עפּעס דיינע רייד, כ'מיין, פאַרשטייסטו מיך, זיינען געווען צו דער־שראָקן.

סאָפּע: גאַנץ געוויינלעך, וואָס מען קען דערוואַרטן פון אַ וואָלף . . .

באַשע (דערשראָקן, כאַפּט זי פאַר די שולטערן): וואָס איז געשען? זאָג, (פאַרכאַפּט קוים דעם אָטעם) איז וואָס געשען? זאָג מיר, גלייך! . . .

סאָפּע (דערשראָקן פון דער מוטערס אויפרעגונג): גאָרניט, מאַמאַ, גאָר־ניט!

באַשע (לאָזט זי אָפּ, פאַלט אין שטול, אָטעמט שווער): אַ ביסל וואַסער, מיר איז ניט גוט.

סאָפּע (טראָגט איר גיך צו וואַסער): מאַמעלע, וואָס איז מיט דיר?

באַשע (באַרואיקט): דערצייל מיר, וואָרום ביסטו געקומען היינט אַזוי שפּעט און אַזוי צעשראָקן און פאַרטראַכט. עפּעס האָט מיט דיר געמוזט פּאַסירן!

סאָפּע: גאָרניט, מאַמע, עס האָט גאָרניט פּאַסירט! עס האָט, איך זאָג, עס האָט יאָ, עס האָט געקענט פּאַסירן, נאָר . . .

באַשע: האַ? (אָטעמט שווער) האַ? וואָס? וואָס האָסטו געזאָגט? (וויל זיך שטעלן, נאָר פאַלט צוריק אין שטול.)

סאָפּע: מאַמע, וואָס איז מיט דיר, לאָז זיך דערציילן. גאָט מיינער.

באַשע: זאָג דעם אמת, איז גאָר ניט געשען?

סאָפּע: גאָרניט, מאַמע: איך וועל דיר אַלץ דערציילן.

באַשע: דערצייל, וואָס האָט ער דיר געזאָגט, האָט ער דיר אַליין די פּעי...

סאָפּע: אַלעמען האָט ער אַליין געגעבן, וויל די בוכהאַלטערין איז פּלוצים אַוועק. (רעדט ווי צו זיך) אַלע זיינען שוין אַוועק, אַלע. וואו איז מיין פּעי, מיסטער באָס? פרעג איך אים. — אָ, דיין פּעי, „היער איז יור פּעי". — איך גיי צונעמען מיין פּעי, נאָר ער האַלט זי אין האַנט און גיט מיר ניט. — ווייסט, איך האָב דיר געגרייזט — און גיט מיר דאָס געלט. ווירקלעך? דאַנקע, זאָג איך, און וויל גייען. — וואַרט צו, קום צו, איך וויל דיר וואָס זאָגן. — איך בין צו מיט שרעק. — וועסט קריגן זעקס דאָלער נעקסטע וואָך. וועסט זיך ביי מיר אַרויפאַרבעטן. — איך זע, ער וויל פאַרמאַכן די טיר. איך וויל שנעל אַרויס, אָבער ער האָט מיר פאַרשטעלט און האָט מיך אַ חאַפּ געטאָן. איך האָב אַ געשריי געטאָן און געוואָלט זיך אַרויסרייסן און — (קליינע פּאַוזע) שריי ניט, — זאָגט ער און וויל מיר אַ קוש טאָן. (איר דוכט, אַז ער האַלט זי און וויל איר אַ קוש טאָן. זי שרייט און רייסט זיך, ווי ער וואָלט זי געהאַלטן.) אַוועק, איר לומפּ, אַט נאַט אייך! (פון פּאַטש, וואָס דוכט זיך אַז זי גיט אים אַ קלאַפּ, טרעפט זי

אין שטול און צעקלאַפּט די האַנט. דאָס וואַכט זי אויף. זי כאַפּט זיך פאַר דער האַנט און צעווײנט זיך.)

באַשע (דריקט זי צו דער ברוסט): שאַ, ש־ש־ש־אַ! ניט ווײן, ניט ווײן, נאָר פרײ זיך וואָס דו ביסט געראַטעוועט, מײן טאָכטער . . . זאָלסט מער ניט גײן דאָרטן אַרבעטן פאַר קײן געלט, ניט מער, הערסט?!

סאַפּע (ווישט אויס די אויגן מיטן נאַזטיכל. זי קוקט אויף דער מוטער. אַ דריקנדיקע, לאַנגע פּאַוזע. רופט אויס מיט פרייד): מײנע אויגן זײנען געעפנט אַצינד, מאַמע. איך ווייס און פאַרשטײ ווי צו לעבן אַצינד.

באַשע (דערשראָקן): קינד מײנס, קײן שלעכטע געדאַנקען זאָל דיר ניט אײנפאַלן.

סאַפּע: מאַמע, איך מוז פון אים נקמה נעמען. מײן צער וועט אין נקמה, אַ פרײד זײן. מײן שרעק, וועט אין אַ שמחה זיך פאַרבײטן. נקמה, מאַמע! (הויבט אויף די הענט) נקמה פאַר מײן באַליידיקונג! חוב פאַר חוב! ער מוז פאַר מײנע פיס ליגן.

באַשע: קינד מײנס . . .

סאַפּע: מײן באַשלוס וועל איך ניט ענדערן. (צעווײנט זיך) ביסט אויך אַ שלעכטע מאַמע. די גאַנצע וועלט איז אַזוי שלעכט צו מיר. די מײדלעך פאַרגינען ניט מײן שײנקײט, רופן זײ מיך נאָר דומקאָפּ. די באַיעס קוקן אויף מיר מיטן מיאוסן פאַרלאַנג. אין סטריט קוקן מיר אַלע נאָך, מיט פרעכע, מיאוסע באַמערקונגען — איז ניט שרעקלעך?

באַשע: אויף דעם זײנען פרויען געבאָרן געוואָרן.

סאַפּע: דאַן וויל איך זאָגן, אַז איך בין די ערשטע וואָס וועט קעגן דעם אַרויסטרעטן. איך וויל ניט עקזיסטירן פאַר יענעם, נאָר פאַר זיך! . . .

באַשע: אַזוי איז שוין, טאָכטער, אין דער נאַטור פון די מענטשן.

סאַפּע: האָט אונדז די נאַטור פאַרשקלאַפּט צו אונטערוואַרפן זיך די געפילן פון יעדן לומפּ קעגן אונדזער ווילן? דאַן איז דאָס אַן אויסגעטראַכטער ליגן. נאַטירלעך איז דאָס, וואָס קומט פון זיך זעלבסט, ניט זיך אונטערוואַרפן דעם באַצווינג וואָס באַצווינגט אונדז.

באַשע: מיר רײדן ניט פון קײן אײנציקע לומפּען.

סאַפּע: די פרוי ווערט אַלײן די שקלאַפין קעגן איר ווילן, דורך דעם ווייל זי איז געטריבן פון דעם. מאַמע, אײן מאַן איז דאָ, אײן מענטש, וואָס טראָגט אין זיך אמת. ער איז אַ קלוגער און אמתער מענטש. דאָס איז מיסטער שומער. ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטײן וועגן די ווײסע שקלאַפן, און ווארום זי וואַקסט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און גרעסער. ער האָט רעכט: ס'איז שולדיק אין דעם די פרוי אַלײן, נאָך מער ווי די אומשטענדן, ווייל זי איז לײכטזיניק, און אַזוי ווערט זי פאַרפירט.

באַשע: אמת, ער איז אַ קלוגער יונגערמאַן . . .

סאַפּע: נײן, פאַרשטײסט אים ניט. ער איז קלוג און גוט, און דער אמת איז העכער פון אַלעס.

באַשע (פאַרזיכטיק): נע, נע, נע. מאַכסט פון אים אַ צו גרויסן מענטשן. זאָג מיר, מײדל, (שמייכלט) אפשר? . . . איך האָב עס די לעצטע צײט באַמערקט, ביסט צופיל פאַרטראַכט, האָט דאָס צו טאָן מיט דעם? . . . אַ מאַמען מעג מען דערצײלן. זאָג, שעם זיך ניט . . .

סאַפּע: וואָס מער מען לײענט, וואָס מער מען שטודירט די כאַראַקטערן

פון די העלדן פון דעם דערציילער, אַלץ מערער ציט דאָס האַרץ צו זיין אין אַזאַ אַטמאָספערע. מיין טענדענץ איז אַזוי גרויס און שטעל מיר פאָר אַ פאַנטאַסטישן העלד אין זיך . . . (פּאַוזע) ווען די ראָמאַנען־שרייבער וואָלטן מיך פאַרגעשטעלט אין זייערע ראָמאַנען, וואָלט די וועלט געזען אַ גאַנץ אָריגינעלן טיפּ . . .

באַשע: דאָס דוכט זיך דיר איצט. אָבער ווען דו גייסט אַריין אין דער אַטמאָספערע, וואָלסטו גאָר אַנדערש געוואָרן, וואָלסט זיך אַליין ניט דערקענט.

סאָפּע: פון וואַנען ווייסטו, מאַמע? האָט דאָס מיט דיר אויך פּאַסירט?

באַשע: יע, מיין קינד, איך בין אויך ראָמאַנטיש געווען אין דיינע יאָרן!

סאָפּע: אָבער דאַן איז געווען אַן אַנדער וועלט, אַנדערע מענטשן. אַן עפּאָכע פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק.

באַשע: אַזוי ווי דו בין איך געווען אין מיין צייט, געזוכט אויך וואָס אַנדערס. אזוי איז דאָס שוין די געגנוואַרג, די פאַרגאַנגענע, און די צוקונפט, די קומענדע, און עס וועט קומען ווידער אַ נייער דור, וועט זיין אַ נייע עפּאָכע פאַר יענע.

סאָפּע: מאַמע, וואָס איז ליבע? עס איז דאָך אַזוי גוט ווען מען ליבט, כאָטש ווען מען איז אומגליקלעך אפילו. ס'איז עפּעס אזוי גוט צו טרוימען פון אַ געליבטן. אָך, מאַמע, ווייסט וואָס פאר א מאַן איך וואָלט געליבט?

באַשע: פון וואַנען זאָל איך וויסן?

סאָפּע: וואָס פאַר אַ מאַן האָסטו זיך פאַרגעשטעלט?

באַשע: אַ מאַן אַן ערלעכן, גוטן מענטשן, זאָל מיך פאַרזאָרגן . . .

סאָפּע: דאָס גאָר? . . . אה מאַמע! איך זוך גאָר אַן אַנדער מענטשן. איך זוך ניט קיין פאַרזאָרגער. איך זוך ניט קיין קנעכט פאַר מיר. איך זוך אַ גרויסע נשמה, אַ שטאַרקן ווילנסקראַפט פאר העכערס, שענערס און מענטשלעכעס . . .

באַשע: האָסטו באַגעגנט אַזאַ מענטשן?

סאָפּע: ווען איך וואָלט באַגעגנט, וואָלט איך דאָך ניט געדאַרפט זוכן, ניט טראָגן אים אין מיינע פאַנטאַזיעס, וואָלט איך דאָך אים געהאָט. (אַ קלאַפּ אין טיר) קאַם־אין. (שומער דערשיינט.)

שומער (בלאַס, גייט אַרום הין און צוריק): פּע, ס'אַראַ וועלט.

סאָפּע: וואָס איז געשען, מיסטער שומער? וואָס זייט איר אַזוי בלאַס און צערודערט?

שומער: באַנעט איז אַרעסטירט געוואָרן.

באַשע: גאָט אין הימל, פאַרוואָס גראָדע אים?

שומער: ווייל ער האָט ביטער אַטאַקירט די באָסעס. ער ווינקט מיטן פינגער צו סאָפּען. זי גייט צו ביי דער זייט וואו ער שטייט. ער זאָגט איר באַשע זאָל ניט הערן): אַ גענגסטער האָט באַנעטן געשאָסן, ווען ער האָט געהאַלטן זיין רעדע.

סאָפּע (ווערט בלאַס, עס וואַקלען זיך אירע טריט. קוקט אויף שומערן, ווי ניט פאַרשטייענדיק אים.)

שומער: טוט זיך אָן, סאָפּע, מיר וועלן גיין צו אים.

סאָפּע: אַ, וואָס האָט איר געזאָגט? (כאַפּט זיך פארן קאָפּ, פאַלט אין שטול אַריין, קוקט ווי ווילד אַרום זיך, הויבט זיך אויף, גייט צו צו שומערן): ווי איז מיט אים, געפערלעך? . . .

שומער: דאָס קען איך באַשטימט ניט זאָגן. אַלענפאַלס ניט לייכט.

סאָפּע (לאָזט אַרויס אַ געשריי): אָרעמע מאַמע! (פאַלט צום פּלאָר.)

צוריק צו מיין לאַנד

(געווידמעט דוד פינסקי׳ן)

צוריק צו מיין לאַנד

פּערזאָנען:

מאַקס: 30 יאָר אַלט. געקליידט נעט. (אַ שרייבער).

ליזאַ: זיין צווייטע פרוי. 26 יאָר אַלט. מיטעלן וואוקס.

רודין: מאַקסעס פריינט. 40 יאָר אַלט.

אַניוטאַ: זיין ערשטע פרוי. 28 יאָר אַלט. געקאַמט נעט, בלאָנד און הויך.

צייט און האַנדלונג: 1916. אין ניו יאָרק.



י. אַפּאַטאָשו

(די בינע שטעלט פֿאָר אַ צימער מיט צווײ פֿענצטער, אײנס רעכטס, אײנס לינקס, פֿון זײט אַ טיר וואָס פֿירט צום אַרויסגײן. אַ טיר קעגן דער בינע, וואָס פֿירט צו אַ צווייטן צימער. הערצל און נאַרדאָוס ביל־דער הענגען קעגן דער בינע. טיש און שטולן. מאַקס און ליזאַ זיצן אײנע קעגן די אַנדערע. די פּאָזע האַלט אָן אַ קלײנע צײט.)

מאַקס: נע, נע! (פּויקלט מיט די פֿינגער אויף דעם טיש.)

ליזאַ: ביסט ווירקלעך אַן אַנדערער געוואָרן. ווער האָט געדענקט אַז דו וועסט אַזוי זיך איבערמאַכן?

מאַקס: עס איז ניט קײן חלום . . . ביז איצט האָב איך אַלץ געדענקט אויף דער אוממעגלעכקייט.

ליזאַ: און איצט — איז די ווירקלעכקייט?

מאַקס: כמעט ווי זיכער!

ליזאַ: פֿאַר דער צײט וואָס איך קען דיך, האָסטו דײנע אידעאַלן געביטן ווי העמדער אויף דײן לײב.

מאַקס: אַ מענטש, דער וואָס שטײט אויף אײן פּלאַץ, און קוקט אין אײן ריכטונג, זעט ניט ווײטער, גײט ניט ווײטער און פֿילט ניט ווײטער, זײנע אײ־גענע געפֿילן . . .

ליזאַ: דענקסט דו אַזוי?

מאַקס: ניט איך דענק, נאָר עס איז אַזוי.

ליזאַ: זאָל זײן ווי דו זאָגסט: וואָלסטו מיר אפֿשר געקענט דערקלערן, ווי אַזוי האָט אויף דיר געווירקט, — איך מײן דער סענטימענטאַלער אַנפֿאַל? . . .

מאַקס: אַנפֿאַל?

ליזאַ: זאָל זײן ווי דו ווילסט, זאָלן מיר זאָגן.

מאַקס: אויב דו וועסט מיר נאָר פֿאַרשפּרעכן, צוצוגעבן.

ליזאַ: לאָז מיך הערן.

מאַקס: אמת . . . ווי דו זאָגסט, איך האָב אַלע ווײלע געביטן מײנע אידעאַלן. זאָלן מיר זיך אָפּשטעלן בײ דער לעצטער, אַסימילירן זיך . . . וואָס האָט מיך די צײט געלערנט? מײן לעצטן מאַנטל האָב איך געטראָגן פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר . . . איך בין געקומען אין באַרירונג מיט די העכערע, מיט די פּיאָנערן פֿון דער רוסישער באַוועגונג. אײדער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן בין איך געוועזן אין דײטשלאַנד. ווען איך האָב מיך געווענדט צו די דײטשע סאָציאַליסטן מע זאָל מיר דערלויבן זײן אין דײטשלאַנד, אַז מײן וואונטש איז רוסלאַנדס מפּלה, האָט מען געענטפֿערט: אוממעגלעך . . . ווײל . . . איך בין אַ רוס. עס האָט ניט געהאָלפֿן מײן איבערצייגונג, אַז איך קען קײן רוסלאַנד ניט צוריקפֿאָרן. אַלזאָ, מען האָט מיר געגעבן צווײ טאָג צו פֿאַרלאָזן דײטשלאַנד, אָדער . . . איך בין אַ געפֿאַנגענער.

ליזאַ: נו, דאָס ווײס איך שוין.

מאַקס: אין ענגלאַנד האָב איך אויך מײן וואונטש ניט געפֿונען, ווײל זי איז געוועזן די מיטהעלפֿערין פֿון רוסלאַנד. איך האָב מיך געטראָפֿן מיט קראָפּאָטקינען, דעם אמתן מענטש, דעם אַלטן קעמפֿער, דעם אַסימילאַטאָר אין פּוילן וואָרט. פֿאָרט קײן רוסלאַנד . . . אָדער שליסט זיך אָן דאָ, מיר מוזן אונ־דזער לאַנד ראַטעווען פֿון דעם דײטשן קנאַפּל. און אין דער זעלבער צײט האָט אײנער אַ זשאַבאָטינסקי, אָדער ווי ער האָט דאָרט געהייסן, זשאַבאָטינסקי, אָר־גאַניזירט אַ יידישן באַטאַליאָן, צו קעמפֿן מיט די ענגלענדער, און צו קריגן

פּאַלעסטינע. פון אָנפאַנג האָב איך אים געהאַלטן פאַר אַ לייכטזיניקן טרוימער, און שפּעטער גאָר פאַר אַן אידיאָט.

ליזאַ: אָבער דאָס אַלעס האָסטו מיר שוין דערציילט פריער.

מאַקס: איך קען ניט אַריינפאַלן אין מיטן, אָן אַן אָנפאַנג.

ליזאַ: נו, נו . . .

מאַקס: אויך ענגלאַנד האָב איך געמוזט פאַרלאָזן, כמעט אונטער שווע־רערע באַדינגונגען, ווי דייטשלאַנד.

ליזאַ (אומגעדולדיק): נו, נו?

מאַקס: אין אַמעריקע בין איך געווען דער גרעסטער פּאַסיפיסט, אויב ניט גרעסער פון מיין פאַרשטאַנד . . .

ליזאַ (אומבאַמערקט): מיין גאָט!

מאַקס (מיט דער האַנט): ש־ש־שאַ. לאָז ריידן. איך האָב ערגעץ אַמאָל געלייענט, אַז אַ פאָלק אָן אַ לאַנד איז ווי אַ מענטש אָן אַ האַנט. פאַר מיר האָט דורכגעשוועבט מיין ברודער, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן אונטער וואַרט. אַ ייד, און אַ הונט איז אַ פּאָר. איך בין אַ ייד, ליזאַ, ניט נאָר דעם נאָמען ייד, נאָר אַן אמת שבתדיקער ייד. עס ווילט זיך מיר לעבן, ווי איך האָב געפילט אַ קינד. דעם אַסימילאַציע־מאַנטל האָב איך צעפליקט אין פעדעמס, און האָב מיר אויסגעוועבט אַ מגן־דוד. (נעמט אַרויס אַ ווייס שטיק זייד מיט אַ מגן־דוד אויף דעם אויסגענייט.) אָט, זעסט? . . .

ליזאַ (שפּרינגט אויף דערזעענדיק דאָס שטיק זייד): האָסט זיך אַנגעשלאָכן אָן דעם ציון־לעגיאָן?

מאַקס (מיט אַ שמייכל): מאָרגן פאָר איך אָפּ . . .

ליזאַ: און וואָס וועט זיין מיט מיר?

מאַקס: וואָס זאָל זיין?

ליזאַ: אָ, ווי קאַלט דו ענטפערסט. (געררייצט) האָסטו מיך ווען געליבט? די לעצטע צייט האָב איך באַמערקט, אַז דו ווערסט קעלטער צו מיר. דיין גאַנצע באַנעמונג איז געווען פאַרדעכטיק.

מאַקס: האָסטו עס באַמערקט?

ליזאַ: פאַר דער לעצטער צייט.

מאַקס: וועלן מיר ריידן פון וואָס אַנדערש?

ליזאַ: איך פיל אַז עפּעס דריקט מיך, אַ משא ליגט אויף מיין הארצן.

מאַקס: דאַרפסט זיך אָפּרוען. רו זיך אויס, ליזאַ.

ליזאַ: מיר האָט זיך נעכטן געחלומט . . .

מאַקס: ווידער מיט דיינע חלומות.

ליזאַ: דאָס איז אַן אומגעוויינלעכער חלום.

מאַקס: לאָז מיך הערן.

ליזאַ: מיר ביידע זיינען געגאַנגען אויף אַ גרויס פעלד. מיר זיינען גע־גאַנגען אין מיטן פון ביידע זייטן, איז דאָס קאָרן געווען פאַרטיק, פול, מיט האַלב איינגעבויגענע קעפּלעך, פאַרטיק פאַרן שניט. דו דערציילסט וואונדער־זאַכן, לע־גענדעס פאַר דער צוקונפט, און איך גיי צוגעדריקט ביי דיין זייט. די זון האָט געלויכטן און געבאָדן אונדז מיט אירע שטראַלן. אַך, ווי גליקלעך איך בין געווען! איך האָב געפילט, אַז אַלץ אַרום מיר זינגט און פרייט זיך מיט מיר. (זיפצט) זאָג, מאַקס, האָסטו מיך געליבט מיט אַן אמתער ליבע, מיט אַן ערשטער ליבע?

מאַקס (הויבט זיך אויף און פאַרטראַכט זיך): איך האָב געליבט פאַר דיר אַן אַנדערע, — אַן אַנ־דע־רע . . .

ליזא: האָט זי ניט אויסגעקוקט בלאָנד?

מאַקס: יע, בלאָנד!

ליזא: שלאַנק ווי אַ פּאַלמע?

מאַקס: שלאַנק ווי די ווענוס.

ליזא: און אויגן ווי סאַפּירן, ליכטיקע, גרויסע?

מאַקס: ווי הימלען גאַנצע . . . (פּאַוזע) ווארום ענדיקסטו ניט דיין חלום? ווארום פרעגסטו מיך?

ליזא: אָט די . . . אָ? איז אונדז אַנטקעגן געקומען.

מאַקס: אָ? איז זי אונדז אַנטקעגן געקומען?!

ליזא: קום, מיין פריינט, האָט זי געזאָגט.

מאַקס: און וואָס?

ליזא: זי האָט דיך געאַרעמט, מיך אָפּגעשטופּט, און ביסט מיט איר אַוועקגעגאַנגען. איך האָב דיך גערופן, געבעטן, געוויינט . . . איר האָט זיך ביידע דערוויטערט פון מיר. די זון האָט זיך גענומען אַרונטערלאָזן. פינצטערער . . . איר וויטער . . . איר זייט אַוועק אויף אַן אַנדער וועג.

מאַקס: און דאַן וואָס?

ליזא: די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזן . . . (וויינט זיך פאַנאַנדער. אַ לאַנגע פּאַוזע.) איך האָב צו דיר גאָרניט. צו זיך נאָר . . . איך האָב אין דיר צופיל געגלויבט; דיינע טרוימען, דיינע פאַנטאַזיעס האָבן מיין קאָפּ פאַרדרייט... דיין פוסטע צייט האָסטו מיט מיר אויסגעפילט . . . און . . .

מאַקס: האָב איך דען ניט געטראָגן דיין צער מיט מיינעם גלייך? קענסטו זיך דען באַקלאָגן, אַז איך בין שלעכט געווען צו דיר? אָבער אַ ראָק און אַ העכט קענען איין וואָגן ניט פירן. אונדזער גאַנג פון לעבן איז פאַרשידן. גיי איך רעכטס, גייסטו לינקס; זאָג איך גלייך, זאָגסטו קרום . . .

ליזא: האָסטו דאָס פריער ניט געוואוסט? בין איך דען איצט אַנדערש ווי פריער?

מאַקס: איך האָב געדענקט אַז עס וועט זיך אַנדערשן. איך האָב עס דיר קיינמאָל ניט געזאָגט. און אימער ביסטו געגאַנגען קעגן מיינע געפילן, ווען איך האָב אַלע דיינע נאָכגעגעבן.

ליזא: האָסט מיר קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז איך גיי קעגן דיין ווילן. אפשר, וואָלט איך טאָן דיין ווילן? . . .

מאַקס: האָסטו דען ניט געזען מיינע ליידן? האָב איך דיר, אָדער האָסטו מיר, וואָס אויסצוזעצן קעגן דיין ווילן, אַחוץ דעם איצטיקן? . . .

ליזא: ווען דו זאָלסט נאָר זאָגן . . . (קליינע פּאַוזע.))

מאַקס: וואָלסטו דען ניט געוואָלט זיך אַנשליסן אָן דעם רויטן מגן־דוד?

ליזא: ווען דאָס וואָלט דיין וואונטש געווען.

מאַקס: ווי עס טוט מיר ווי פאַר דיר. (רודין דערשיינט.)

רודין: גוד איווניג. (גיט ליזאן און מאַקסן די האַנט.) נו, איז היינט הייס. פון צווייטן צימער רופט מען ליזאן.)

(עס הערט זיך: ליזא, ליזא!)

ליזא (צו רודינען): אַנטשולדיקט. (אָפּ)

רודין: הייסט עס, פאָרן מיר ניט מאָרגן?

מאַקס: וואָס מיינסטו?

רודין: אָפּגעלייגט אויף אַ וואָך. מאָרגן האָבן מיר ווידער אַ באַנקעט.

מאַקס: די באַנקעטן האָבן מיך שוין דערעסן.

רודין: איך האָב פריער געזען אַניוטאַן. זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן רויטן מגן־דוד.

מאַקס: וואָס? . . . דו זאָגסט עס ערנסט?

רודין: אַזוי האָט זי מיר געזאָגט.

מאַקס (שפּאַנט הין און צוריק): צום טייוול, צום טייוול! (שטעלט זיך אָפּ.) זאָג מיר, רודין, איז עס ווירקלעך, אַז דער ערשטער שטערן איז דער ליכטיקסטער?

רודין: דער ערשטער שטערן אין דער ליכטיקער.

מאַקס: און צווישן אַלע שטערן איז ער דער ליכטיקסטער?

רודין: קוקסט מיר היינט מאָדנע אויס. וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט?

מאַקס: האָסטו ווען געליבט? איך מיין, אויף אַן אמתן געליבט . . . און איז זי אַ קאַפּריזנע געווען?

רודין (זיפצט אָפּ): יע, מיין פריינט, נאָך ווי געליבט. ביז איבער די אויערן. עד ברודערקע, דו מיינסט אַז דיינע ליידן זיינען גרויסע.

מאַקס: איך פרעג דאָך נאָר וועגן ד י י נ ע איבערלעבונגען. וואָס מישסטו מ י ך אַריין? . . .

רודין: מאַקס, איך זע, איך פיל אַז אַ טיפער שמערץ דריקט דיין האַרץ. דיינע פראַגן, דיינע רייד . . .

מאַקס (זיפצט): דאָס נאָר וואָס דו קענסט מיר דערציילן פון דיינע איבערלעבונגען? . . .

רודין: צופיל און צו גרויס איז מיין ליבעס־געשיכטע. נאָר דאָך וועל איך דיר אַ ביסל אין קורצן, אין עטלעכע ווערטער דערציילן. ווי דו ווייסט, בין איך איצט אַרום 40 יאָר אַלט. מיין ערשטע ליבע איז געווען צו 15 יאָר. און ביז 19 יאָר האָב איך צענדליקער ליבעס געפירט. ווי שוואָמען זיינען זיי געוואַקסן. אָבער אין אמתן זיינען דאָס קיין ליבעס ניט געווען. מיין לעצטע ליבע איז געווען די ערשטע ליבע: געווען אַ שוואַרצע, קליינע מיידעלע, האָט זי מיר אויסגעזען, אָבער זי איז געווען עלטער פון מיר. איך האָב ניט געדענקט, אַז איך זאָל זיך אין איר פאַרליבן. זי גראָדע האָט אין מיר זיך גלייך פאַרליבט, ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען.

מאַקס: מאַך עס קירצער, איידער ליזא קומט אַריין.

רודין: א . . .איצט פאַרשטיי איך . . .

מאַקס: פאַרשטייסטו ערשט ניט, דו ביסט אַלט אין יאָרן אָבער יונג אין שכל.

רודין: אויב אַזוי, ענדיק איך ניט?! . . .

מאַקס: וועט זיין דיין ליבע אָן אַן ענדע.

רודין: און דיינע, ניט אַהער, ניט אַהין . . .

מאַקס: אַזוי קוקט עס אויס . . . (אַניוטא דערשיינט.)

רודין (שפּרינגט אויף): האָ, יו! זע נאָר ווער עס איז דאָ!

מאַקס (בלאַס פון אויפרעגונג): און איך האָב דיך גאָרניט דערוואַרט . . . אַפילו ניט אָנגעקלאַפּט?

אַניוטאַ: נו יאָ . . . געוויס ניט! . . .

רודין: איך גלויב, אַז איך בין דאָ גאַנץ איבעריק. (וויל גיין.)

מאַקס: איך האָב מיט דיר וויכטיקס וואָס צו ריידן. בלייב, איך בעט דיך.

רודין: דאַן גיי איך אַריין צו ליזאַן.

מאַקס: האַלט זי אָפּ. ביז איך גיי צו אייך אַריין. פאַרשטייסטו?

רודין: אָ, זיכער . . . באַי, באַי, אַניוטא . . .

מאַקס: גאַנץ געוויס. אייגנטלעך, וואָס איז דיין באַזוך, אַניוטא?

אַניוטא: גלאַט אַזוי. האָסט מורא פאַר איר?

מאַקס: איך פרעג דיך ניט דאָס, וואָס דו ענטפערסט מיר! זאָג מיר, וואָס ווילסטו פון מיר?

אַניוטא: איך בין געקומען צו דיר, ווי דו האָסט מיך געהייסן.

מאַקס: איך האָב דיר מיין אַדרעס ניט געגעבן.

אַניוטא: און דאָך בין איך ביי דיר אין צימער. ביי אונדז אין צימער.

מאַקס: וואָס מיינסטו מיט די ווערטער, אַניוטא? איז דיר ניט גענוג, וואָס דורך דיר האָב איך אַזוי פיל געליטן?

אַניוטא: דו האָסט געליטן? און איך? איך בין פון אייזן? מיין אומקערן זיך צו דיר, איז מיין שווערסטער ליידן פון מיין גאַנץ לעבן.

מאַקס: וואָס מיינסטו זיך אומקערן צו מיר? זאָג מיר וואָס דאָס באַדייט. ווייסטו דען ניט, אַז איך האָב אַן אַנדער פרוי?

אַניוטא: איז זי בעסער פון מיר? ביסטו גליקלעך מיט איר? פאַרשטייט זי דיך מער ווי איך האָב דיך פאַרשטאַנען?

מאַקס: דאָס ווייס איך ניט. איך קען עס ניט וויסן . . .

אַניוטא: איז זי אַ גוטע? האָט זי דיך ליב?

מאַקס: אַזוי גלויב איך, אַלענפאַלס בעסער פון מיר.

אַניוטא: ליבסטו זי?

מאַקס: זיכער ווייס איך ניט, אָבער ווען זי איז ניטאָ, פעלט זי מיר.

אַניוטא: אגב, וועסט דאָך דיין וואָרט מוזן האַלטן.

מאַקס: וועלכן וואָרט?

אַניוטא: אַז איך וועל זיך אומקערן צו דיר, געפין איך מיין היים, מיין אַלטע היים, צוריק.

מאַקס: איז דאָס ווירקלעך? אָבער איך געדענק עס ניט!

אַניוטא: ווען איך בין אַוועק, האָסטו צו מיר אַזוי געזאָגט: אַניוטא, דו גייסט אַוועק? (קליינע פּאַוזע.) אַך, ווי שווער עס איז מיר איבערצודערציילן. האָסט געוויינט און געזאָגט: איך וויל דיך ניט אָפּהאַלטן. טו ווי דו פאַרשטייסט. נאָר, אַז דו וועסט זיך אומקערן אין מיינע אָרעמס . . . (צעוויינט זיך.)

מאַקס (לייגט אַרויף זיין האַנט אויף איר קאָפּ): רואיק, ש־אַ־ש־אָ. (מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ) ש־אָ . . .

אַניוטא: איך וויל מיין היים צוריק. דיך צוריק! . . . (כאַפּט אים ליידנ־שאַפטלעך אַרום און וויל אים אַ קוש טאָן.)

מאַקס (שטופּט זי אָפּ פון זיך): דו ביסט ווי אַ שטורעם געוועזן און גע־בליבן, און מיין הימל, וואָס האָט זיך געצומען נאָר וואָס אויסלייטערן, האָסטו ווידער מיט אַ כמאַרע פאַרצויגן.

אַניוטא: וועסט מוזן דיין פאַרשפּרעכן האַלטן! יע, וועסט מוזן! . . .

מאַקס: און ווען איך וועל ניט? . . .

אַניוטא: קעגן דיין ווילן וועסטו דיינע ווערטער האַלטן.

מאַקס: אָ, ווי איך ציטער פֿאַר דעם געדאַנק

אַניוטאַ: דאָך וועט עס אַזוי מוזן זײַן!

מאַקס: יע. צײַט איך האָב דיך באַגעגנט בין איך פֿאַרצווייפֿלט, קרבנות אײנער נאָך דעם צווייטן האָב איך געבראַכט און ברענג נאָך איצטער.

אַניוטאַ: אַט זעסטו, דו וועסט מוזן . . . איך וועל גײן נאָך דיר ביז דו וועסט אָנפֿאַנגען גײן נאָך מיר.

מאַקס: אַט פֿאַר דעם טאָקע שרעק איך זיך. אָבער, זאָג מיר, האָסטו גאָר־ניט קײן רחמנות אויף מײַן איצטיקער פֿרוי? זי איז דאָך אַזוי פֿאַרצווייפֿלט.

אַניוטאַ: ווייס זי דען פֿון מיר? האָסטו דען איר דערציילט?

מאַקס: מײַן אויפֿפֿירונג האָט עס איר שוין דערציילט, אַניוטאַ, וואָס איז זי שולדיק? זי האָט מיר רו געגעבן אין שטורמישען צײַטן.

אַניוטאַ: אָבער דער ווילן איז שטאַרקער פֿון דעם פֿאַרשטאַנד.

מאַקס: ווי שרעקלעך דאָס איז. זאָג, אַניוטאַ, וואָרום האָסטו דיך אָנגע־שלאָסן אָן דעם רויטן מגן־דוד?

אַניוטאַ: איך מוז דיר נאָכגײן, ביז דו וועסט בלײַבן שטײן.

מאַקס: אויך ליזאַ, מײַן פֿרוי, וועט זיך אָנשליסן. אַזוי האָט זי מיר עס הײַנט געזאָגט.

אַניוטאַ: אויב עס איז אמת, וועט דער קאַמף זײַן שטאַרקער, פֿיל שטאַר־קער ווי איך האָב דערוואַרט. א . . .

מאַקס: מײַן קאָפּ ווערט צעשפּרונגען. איך מוז זײַן אַליין אַצינד.

אַניוטאַ: און איך וועל זײַן נאָר מיט דיר.

מאַקס: דאַן מוז איך אַראָפּ אין סטריט, אין גאַס. איך מוז . . . (כאַפּט דעם הוט און פֿאַרלאָזט דאָס צימער.)

אַניוטאַ (לויפֿט צו דער טיר): אַוועק . . . אָבער וועסט קומען צוריק.

(אַ קלאַפּ אין טיר. ליזאַ דערשײַנט.)

ליזאַ: קען איך אַרײַנגײן?

אַניוטאַ: וועמען ווילט איר? ווער זײַט איר?

ליזאַ: ווילן וויל איך אײַך. און ווער בין איך? . . . (טרערן שטיקן איר אין האַלדז.) די געוועזענע . . . וואָס איר זײַט איצט!

אַניוטאַ: קענט איר מיך?

ליזאַ: יע, איך קען אײַך. איך האָב געהערט אײַער גאַנצן געשפּרעך. עס איז מיר שווער זיך אײַנצוהאַלטן. די טרערן שטיקן אַט . . . אָ . . . דאָ . . . (באַרירט דעם האַלדז און צעוויינט זיך.)

אַניוטאַ: דאַן גלויבט מיר, ליזאַ, אַזוי דאַכט זיך הייסט איר — איך האָב עטלעכע יאָר מיט זיך געקעמפֿט, אָבער מער האָב איך ניט געקענט. ניטאָ קײן קראַפֿט מיט זיך צו קעמפֿן.

ליזאַ (קורץ): וואָס טויג מײַן קאַמף, אַז איך האָב אים פֿאַרלאָרן, אײדער איך האָב אָנגעפֿאַנגען! איך האָב געדענקט — אַז איך וועל זײַנע טרוימען פֿאַר־שטײן, אָבער איך קען אים ניט פֿאַרשטײן, און מיט דעם האָב איך מײַן מלחמה פֿאַרלאָרן.

אַניוטאַ: אויב אַזוי, בין איך שטאַרקער פֿון אײַך, ווײַל אין אַ צײַט אַרום, ווען איך האָב אים פֿאַרלאָזן, האָב איך אים ערשט אָנגעפֿאַנגען פֿאַרשטײן. און איצט . . . איצט האָב איך מײַן קאַמף געוואונען.

ליזא: מעגלעך, ווען ער וועט מיך פֿאַרשטיין, וועט ער זיך צו מיר אומ־קערן!...

אַניוטאַ: אָבער דאָס איז ניט מעגלעך!...

ליזא: וואָרום? וואָרום איז מיט אייך מעגלעך געווען?

אַניוטאַ: ווייל איך האָבן קיינעם ניט געהאַט אַרום זיך, און די בענקשאַפֿט איז געווען שטאַרקער פֿון מיין שטאָלץ.

ליזא: האָט איר מיט קיין אַנדערן זיך ניט פֿאַרבונדן?

אַניוטאַ: ניין. דערפֿאַר איז מיין ווילן שטאַרק, מעכטיק!

ליזא (פֿאַר זיך): דאָס איז אומגעוויינלעך.

אַניוטאַ: אין דעם איז מיין מעכטיקע וואָפֿע.

ליזא: אמת, איר האָט מער רעכט אויף אים ווי איך. איך מוז גיין און מיין פּלאַץ מוז זיין פֿריי פֿאַר אייך. איך גיי מיינע זאַכן איינפּאַקן, און נאָך היינט — — —

אַניוטאַ: איך...

ליזא: טאַקע גלייך... עפּעס אַזוי גרינג פֿילט זיך עס מיר. ווי שווער מיר איז פֿריער געווען, אַזוי גרינג פֿיל איך זיך איצט. (אָפּ. רודין דערשיינט.)

רודין: וואָס האָט איר דאָ פֿאַרקאָכט? וואָס? זי גייט פֿאַרלאָזן דאָס הויז.

אַניוטאַ: מיין הויז!

רודין: וואָס זי האָט געהאַלטן אין אָרדענונג און ריין?

אַניוטאַ: אָבער וואָס איך האָב אויפגעבויט.

רודין: אָ, ווער קען עס פֿאַרשטיין?

אַניוטאַ: יעדער איינער!

רודין: וואָרום האָט איר אים פֿריער פֿאַרלאָזן?

אַניוטאַ: ווייל איך האָב אים ניט פֿאַרשטאַנען.

רודין: און איצט פֿאַרשטייט איר אים?

אַניוטאַ: אויב איינער פֿאַרשטייט אים ריכטיק... דאַן בין איך די איינ־ציקע. זיין וועג איז איצט מיין וועג, זיין געפֿיל איז איצט מיין געפֿיל.

רודין: דערפֿאַר האָט איר זיך אַנגעשלאָסן אָן דעם רויטן מגן־דוד?

אַניוטאַ: ווייל איך מוז גיין נאָך אים, ביז ער וועט מיך נויטיק האָבן.

רודין: אָבער ליזע?

אַניוטאַ: זיי זיינען סיי־ווי־סיי קיין פּאָר ניט. זיי פֿאַרשטייען זיך איינער דעם צווייטן ניט. זיי זיינען די ליידן איינער פֿאַר דעם צווייטן.

רודין: דענקט איר אַזוי?

אַניוטאַ: ניט איך דענק, נאָר איך בין זיכער. אַלענפֿאַלס האָט זי מיר עס אַליין דערקלערט.

רודין: דאָס האָב איך, דוכט מיר, אויך באַמערקט, נאָך בולטער, אין זיין לעצטן ווערק, „צוריק צו מיין לאַנד“.

אַניוטאַ: אין דעם ווערק האָב איך דערקענט דעם רוף נאָך מיר. אין דעם ווערק האָב איך איינגעזען אַז איך בין זיין ציל. אין דעם ווערק האָב איך אים געגומען פֿאַרשטיין, און מיין נשמה און מיין האַרץ איז מיט זיינעם צוזאַמענ־געגאָסן, ווי איינער, און מיר קענען ניט עקזיסטירן איינער אָן דעם צווייטן.

רודין: איר פֿאַרשטייט ווירקלעך זיין ווערק.

אַניוטאַ: ניט זיין ווערק, נאָר אים. דאָס ווערק האָט נאָר גערעדט דורך אים. דאָס בוך איז ער. די שטומע ווערטער... זיין נשמה, זיינע רייד!...

רודין: דענקט איר ניט, אַז זי וועט ליידן צו שטאַרק דורך דעם, כ'מיין ליזאַ?

אַניוטאַ: איך גלויב דאָס ניט! אפשר, פון אָנפאַנג אַ ביסל, נאָר דערנאָך וועט זי גאַנץ צופרידן זיין, ווייל איצט ליידט זי מער מיט אים, ווי שפּעטער אָן אים.

רודין: איר פאַרשטייט עס בעסער. איר זייט אַ פרוי.

אַניוטאַ: וואָלט איר וועלן אַריינגיין צו איר, זען וואָס זי טוט דאָרטן?

רודין: ווי איבערדענקלעך איר זייט. יע, איך גיי. (אָפּ)

(מאַקס דערשיינט.)

אַניוטאַ (מיט אַ שמייכל): דאָך זיך דערוואַרט. צוריקגעקומען. (וויל אים אומאַרעמען.)

מאַקס: איצט זע איך, אַז דו פאַרשייסט מיך.

אַניוטאַ: האָסטו געהערט אונדז ריידן?

מאַקס: אַלעס. יעדעס וואָרט. אַלעס איז אמת, וואָס דו האָסט געזאָגט. אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט איר?

אַניוטאַ: זי האָט מיר דעם וועג פריי געלאָזן. זי האָט מיר אָפן געזאָגט, אַז איך האָב מער רעכט אויף דיר ווי זי.

מאַקס: דאָס לעבן, דאָס גאַנצע לעבן איז אַ מלחמה. דער שטאַרקער שטופּט אימער אָפּ דעם שוואַכערן. דער שוואַכער, דער באַזיגטער . . . בויגט איין דעם קאָפּ, טרעט אָפּ זיין וועג פאַר דעם זיגער.

אַניוטאַ: האָסט רעכט, אַזוי איז עס, און אַזוי וועט עס בלייבן . . . די מלחמה פון לעבן וועט קיינמאָל ניט אויפהערן. פון פאָלק צו פאָלק, מעגלעך, זאָל ווערן אויס מלחמות, אָבער ניט פון מענטש צו מענטש.

מאַקס: אַזוי ווייזט עס אויס.

אַניוטאַ: דאָס לעבן איז אַ הויכער באַרג, וואָס ציט יעדן אַרויף, און אַלע קריכן, און אַלע דראַפּען זיך אויף אַלע פיר. אַנדערע זיינען צו שוואַך — ביים אָנפאַנג קלעטערן פאַלן זיי אַרונטער, מאַנכע אין מיטן, און מאַנכע פון סאַמען שפּיץ! און זייער פאַל איז שרעקלעך. זייער פאַל איז טויט.

(רודין לויפט אַריין מיט אַ ווילדן געשריי.)

רודין: שנעלער נאָך אַ דאָקטאָר . . . ליזאַ האָט זיך גע'סמ'ט.

(עס הערט זיך אַ פאַל אין גאַס. געשרייען, ווייבערשע קוויטשערייען. רודין קוקט דורכן פענצטער, שפּרינגט אָפּ צוריק מיט אַ פאַרשטיקטן געשריי.)

רודין: זי האָט זיך אויך דורך דעם פענצטער אַרונטערגעוואָרפן.

(מאַקס לויפט אַרונטער. ער טראָגט זי אַריין אַ צעשמעטערטע. פון פּנים גיסט בלוט. ער לייגט זי אַוועק אויפן דיל. ווייבער מיט קוויטשערייען און געוויין שטופּן זיך, ריידן אומפאַרשטענדלעך . . . קינדער, אייניקע מענער, אַלע שטופּן זיך אַריין.)

אַניוטאַ (פאַלט צו איר צו מיט אַ געוויין): אָ, מלחמה פון לעבן, מיין קרבן . . .

מאַקס: ניט געקענט אַרויף. צו הויך דער באַרג פון לעבן פאַר איר געווען...

1916.

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

הער גאָלץ

הער גאָלץ

פּערזאָנען:

הער גאָלץ.
פרוי גאָלץ.
דאָקטאָר.
אָקושערין.
מאַדאַם זילבער.
הער זילבער.
דינסט.



ק. מרמר (פּלאַך)

(די בינע שטעלט פֿאָר אַ צימער, נאָכדעם אַ צווייט צימער מיט בלויע סאַמעטענע פֿאָרהאַנגען, ניט רייך אָבער געשמאַקפֿול מעבלירט. ווען די פֿאָרהאַנג הויבט זיך אויף הערט זיך דאָס קלינגען פֿון דעם גלעקל.)

(דינסט (קומט אַרויס, עפֿנט די טיר. דאָקטאָר דערשיינט.)

דאָקטאָר (גיט איר דעם הוט מיט דעם מאַנטל): וואָס הערט זיך, וואָס מאַכט זי?

דינסט: זייער שוואַך. זי ליגט ווי באַוועגלאָז.

דאָקטאָר: איז די אַקושערין נאָך דאָ?

דינסט: יע, זי איז נאָך דאָ. זי וואַרט אויף אייער קומען. זי איז זייער אויסגעמאַטערט.

דאָקטאָר: יע, מיר האָבן שווער די נאַכט געאַרבעט. (גייט אַריין דורך די פֿאָרהאַנגען. עס הערט זיך אַ וויינען פֿון אַ קינד.)

דינסט: ווען דער הער וואָלט דאָס וויסן. ער האָט דאָס גאַרניט דערוואַרט. נאָדיר אַ זיבעלע.

דאָקטאָר (שטעלט אַרויס דעם קאָפּ דורך דער פֿאָרהאַנג): איר וועט אַזוי גוט זיין אַריינברענגען לעבלעך וואַסער. (דינסט אָפּ.)

(עס הערט זיך דאָס וויינען פֿון קינד.)

דאָקטאָר: אַזוי איז דאָס: איין לעבן קומט, איינס גייט אַוועק. (דינסט קומט אַריין.)

דינסט: אָט האָט איר וואַסער.

דאָקטאָר: זייט אַזוי גוט, גיט עס צו דער אַקושערין. איך קום גלייך אַריין. (נעמט אַרויס אַ ציגאַר און פֿאַררויכערט, זעצט זיך אויף אַ שטול, באַטראַכט די בילדער, די ביכער.) (דינסט קומט אַריין.)

דאָקטאָר: איך קוק אויף די ביכער. אייער הער מוז זיין אַ געבילדעטער מאַן.

דינסט: צי ער איז אַ געבילדעטער, דאָס ווייס איך ניט, ווייל איך בין אַ פּראָסט ווייבל. נאָר מענטשן האַלטן אים פֿאַר אַ זייער געבילדעטן. אַלע קומען צו אים שרייבן אַמעריקאַנער אַדרעסן.

דאָקטאָר: מיט וואָס באַשעפֿטיקט זיך אייער הער?

דינסט: ער איז אַן אַגענט פֿון זינגער מאַשינען, פֿון די עלטערע אַגענטן. ער האַלט אין איין אַרומפֿאָרן. קומט איין מאָל אין צוויי וואָכן, אָדער אין אַ חודש אַמאָל. ערשט נעכטן פֿרי איז ער אַוועקגעפֿאָרן.

דאָקטאָר: האָט מען אים געלאָזט וויסן וועגן קינד?

דינסט: איר ווייסט, ער האָט געוואָלט אַז זי זאָל אַראָפּטרייבן דאָס קינד.

דאָקטאָר: דאָס ווייס איך. אָבער איך פֿרעג אייך, צי מע האָט אים געלאָזט וויסן וועגן קינד!

דינסט: נו, געוויס, מע האָט אים טעלעגראַפֿירט, אַ טעלעגראַמע געשיקט. גלויבט איר ניט, אַז ער וועט דאָס קליין נפֿשל ליב האָבן? ער איז אַזאַ שטרענגער מענטש. זעלטן זעט איר אויף אים אַ שמייכל. זעט איר, די מאַדאַם, זי איז גאָר אַן אַנדערע. דער שמייכל ליגט אימער אויף אירע ליפּן.

דאָקטאָר: די מאַדאַם? (פֿאַרטראַכט זיך.)

דינסט: יע, די מאַדאַם איז אַ מלאך.

דאָקטאָר: מלאכים קענען אויף דער ערד ניט לעבן.

דינסט: איך וואָלט שוין וועלן זען וואָס פֿאַר אַ פּנים ער וועט מאַכן.

וואָלט איך געוואָלט, אַז דאָס קליינינקע זאָל ביי אים חן קריגן. גאָט! . . .

דאָקטאָר: מאַכט זיך ניט קינדיש. וואָס האָט ער קיין פאָטער־ליבע ניט? איז ער דען ניט דער פאָטער פון קינד?

דינסט: אָבער ער איז אַזאַ ערנסטער, אַ בייזער!

דאָקטאָר: אַזוינע מענטשן דאַרף מען קענען פאַרשטיין. אונטער זייער ערנסטקייט און בייזקייט ליגט אַ קוואַל פון גוטסקייט און ליבע.

דינסט: דענקט איר, אַז ער איז איינער פון אַזעלכע.

דאָקטאָר: אַזוי גלויב איך.

דינסט: איך האָב מורא איר מאַכט אַ טעות.

דאָקטאָר: ער קוקט אויף דעם לעבן מיט טיפערע אויגן פון אייך און פון מיר אַפילו.

דינסט: דאָס פאַרשטיי איך ניט, און איך וויל ניט פאַרשטיין. איך ווייס, זינט די וועלט שטייט האָבן פרויען קינדער און מענער מישן זיך ניט אין אַזוינע אנגעלעגנהייטן.

(מאדאם זילבערט און איר מאַן קומען אריין.)

דינסט: אָט איז דער מאַדאַמס מוטער.

הער זילבער: און איך בין איר מאַן.

מאַד. זילבער: אַז מען שטעלט דיך ניט פאַר, וואָס שטעלסטו זיך אַליין פאַר?

דאָקטר: נו, איך מוז אייך פאַרלאָזן, איר וועט מיר אַנטשולדיקן. איך גיי זען וואָס די קימפעטאָרין מאַכט.

מאַד. זילבער: גייט, גייט, מיר וועלן אויך באַלד אַריינקומען.

(דאָקטאָר אָפּ.)

דינסט: וואָלט איר טרינקען אַ גלעזל טיי, מאַדאַם? דער סאַמאָוואַר איז נאָך הייס.

הער זילבער: מילא, ווילסט געבן טיי, טאָ דערלאַנג שוין.

מאַד. זילבער: ער וועט זיך אָפּזאָגן ווען פון טיי, דער אַלטער זויפער! האָסט דאָך ערשט געטרונקען טיי.

הער זילבער: נאַרעלע, וואָס אַרט דאָס דיך? וועל איך טרינקען נאָך אַ גלעזל. (דינסט אָפּ.) אַ טייער ווייבל, די דינסט. מיר איז אַ וואונדער וואָס זי האָט ניט חתונה. זי איז נאָך גאָר ניט אַזוי אַלט, ווי דענקסטו?

מאַד. זילבער: ווער וועט זי וועלן, מיט זעקס קינדער!

דינסט (קומט אַריין. טראָגט אויף אַ טאַץ עטלעכע גלעזער טיי): אָט האָט איר טיי.

מאַד. זילבער: זאָג מיר, רחל, ווי דענקסטו וועט ער אויפנעמען די בשורה וועגן קינד?

דינסט: דער דאָקטאָר האָט מיך צעמישט.

מאַד. זילבער: וואָס איז דען?

דינסט: ער האָלט פון אים מער ווי מיר אַלע. ער האָט אים אַזוי הויך געהויבן, נאָך העכער פון זיך. פאַר אַ גאַנצן קענער מאַכט ער אים.

הער זילבער: וואָס דען, איך בין אַ קענער? ווען איך וואָלט געווען אַזאַ פרייער פויגל, וואָלט איך אויך געווען אַ קענער. אַ מענטש פאָרט אַרום די וועלט, און לייענט ביכער, און זאָל ניט זיין קיין קענער? איז דאָ דער וואונדער?

מאַד. זילבער: ער איז אַפילו אויך אין אַמעריקע געווען. אין נעוו־יאָרק,

וואו די מאַשינען ווערן געמאַכט.

דינסט: דערפאַר זאָגט דער דאָקטאָר אַז מע דאַרף אים פאַרשטיין!

מאַד. זילבער: אָבער וואָרום וויל ער קיין קינדער ניט האָבן?

דינסט: אָט דאָס איז דאָך מיין פראַגע: וואָס איז פאַמיליע־לעבן אָן קינ־דער? וואָס איז אַ הויז אָן אַ קינד? דאָס הויז איז ווי ווענט אָן אַ דאַך . . . וואָס ליבט נאָך שטאַרקער אַ פרוי, ווי אַ מוטער צו זיין. (עס הערט זיך דעם קינדס וויינען אין צווייטן צימער.)

לאַזאַר גאָליק (קומט אריין מיט אַ קליינעם טשעמאָדאַן, קוקט זיך ארום. שטעלט אַוועק דעם טשעמאָדאַן אויף דער שטול. טוט אויס זיין פּאַלערינע און ראָק. קוקט אַ לענגערע ווײַלע אויף דעם שלאָפצימער. עס הערט זיך דאָס געוויין פון דעם קינד. ער ציטערט אויף. גייט צו צום צימער, נעמט אָן די פאָרהאַנג. קליינע פּאַוזע. לאָזט עס אָפּ, קערט זיך אום צום פענצטער, שטייט אַ ווײַלע פאַרטראַכט): נו, הייסט עס, בין איך אַ פּאָטער געוואָרן, אַ טאַטע. איך . . . און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב עס ליב באַקומען. דאָס האָט מיין פּאָטער־ליבע דערוואַכט. האָב איך אַ רעכט אויף קינדער? איך, וואָס בין אומפעאיק צו דערציען אַ קינד, זאָל האָבן קינדער. וואָרום בין איך אַזוי שלעכט? שלעכט צו מענטשן, און שלעכט צו זיך. אָבער ווער האָט די שולד אין דעם? ווער האָט עס אין מיר איינגעפלאַנצט? און פאַר דעם האָב איך מורא. אָך, גאָט, העלף מיר, גיב מיר כוח, מוט צו קענען גיין דעם וועג ווי אַלע גייען. (קוקט אויף דעם צימער) — דאַכט זיך, אין צימער ליגט אַ ניי לעבן. מיין בלוט איז אין אים. מיין שלעכט בלוט, האָט ער אין זיך אַריינגענומען. דאָס בלוט פון מיין פּאָטער, וואָס ער האָט אין מיר אַריינגעגעבן. (גייט צו צום צימער, נעמט פאַנאַנדער די פאָרהאַנגען. עס זעט זיך אַ בעט, די קימפּעטאָרין ליגט אין דעם. דאָס קינד ליגט ביי דער זייט פון דער מוטער. דער דאָקטאָר און די אַקושערין קלייבן זיך אַוועקצוגיין. די דינסט טוט אָן דעם מאַנטל דעם דאָקטאָר. הער און מאַדאַם זילבער זיצן אויף שטולן.)

דינסט: דער הער איז דאָ! (אַלע הויבן זיך אויף.)

הער זילבער: וואָס האָסטו געמיינמט, ער וועט ניט קומען? ער איז דאָך טער טאַטע פון דעם נפשל! וואָס מיינסטו עפּעס, אַ טאַטע וואַקסט אין בלאָטע?

לאַזאַר גאָליק (גייט צו צו דער קימפּעטאָרין, טוט איר אַ קוש אין שטערן): מזל טוב דיר! . . .

דאָקטאָר: זאָל זי רוען. רעדט ניט צו איר.

לאַזאַ גאָליק: איר גייט אַוועק, דאָקטאָר?

דאָקטאָר: אין קורצן וועל איך זיין צוריק.

לאַזאַר גאָק: איך וואָלט געוואונטשן, איר זאָלט דאָ בלייבן, ווען זי איז אַזוי שלאַף.

דאָקטאָר: איך מוז דאָך באַגלייטן די אַקושערין. דער וועג איז זייער גליטשיק און די נאַכט איז פינצטער.

לאַזאַר גאָליק: וועל איך די אַקושערין אַהיימפירן, כדי איר דאָקטאָר זאָל דאָ בלייבן.

אַקושערין: מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, ווען איר ווילט אַזוי.

דינסט: וואָרום זאָל זי ניט וועלן? אַ מיאוסער קאַוואַליער זייט איר? (אַלע לאַכן.) איר זייט אַ ביסל אַ בייזער, אָבער ניט קיין מיאוסער.

לאַזאַר גאָליק: הלוואי וואָלט עס פאַרקערט געווען.

דאָקטאָר: ווען אַ מענטש איז אויף זיך מודה, איז נאָך אין אים דאָ

גוטעס. גייט, די אַקושערין איז נאָך ניט געשלאָפן. זי האָט שווער און וויסנ־שאַפטלעך געאַרבעט. (אַקושערין און לאַזאַר אָפּ.)

דאָקטאָר: די קימפּעטאָרין שלאָפט — קומט אַריין אין צווייטן צימער. (זיי גייען אַרויס. די דינסט פּאַרציט די פאַרהאַנגען.) אָבער לאָזט אַ ביסל אָפן.

דאָקטאָר (זעצנדיק זיך): ווי איך זע, האָט מיך מיין פאַרשטאַנד ניט אָפּגענאַרט.

דינסט (הויבט אויף די הענט): איך דאַנק דיר, גאָטעניו פאָטער, דו ביסט דאָך אויך דער פאָטער איבער אונדז, דיינע קינדער. (טוט זיך אַ כאַפּ) און איך רעד. געקענט האָב איך שוין לאַנג פאַרטיק מאַכן דעם סאַמאָוואַר. (אָפּ)

דאָקטאָר: אַ זעלטן איבערגעגעבענע דינסט.

מאַד. זילבער: וואָס זאָל זי נעבעך טאָן? אַן אַלמנה מיט זעקס קינדער.

דאָקטאָר: און וואו זיינען די קינדער?

מאַד. זילבער: צעטיילט צווישן איר פאַמיליע. איינער האָט גענומען אַ קינד, אַן אַנדערער צוויי. דאָס עלטערע קינד, אַ מיידל, איז ביי מיר.

דאָקטאָר: איר מיינט, זי דינט ביי אייך?

מאַד.זילבער: ניט מער זאָלן מיינע שונאים האָבן געזונט, וואָס זי אַרבעט ביי מיר. איך אַרבעט מער פון איר.

הער זילבער: שילט זיך ניט, און שוועך זיך ניט, דער דאָקטאָר וועט דיר אַזוי אויך גלויבן.

דאָקטאָר: נו, מיר וועלן מער ניט רעדן וועגן דעם. (דינסט קומט אַריין.)

דינסט: וואָלט דער הער דאָקטאָר געגעסן וועטשערע מיט אונדז? אייגנט־לעך פיל איך זיך היינט קיין דינסט דאָ, נאָר די באַלעבאָסטע פון הויז.

מאַד. זילבער: געוויס ליגט עס די פליכטן אויף דיר פון אַלעם. (לאַזאַר גאָלץ קומט אַריין.)

דינסט: און אָט איז הערר לאַזאַר אויך דאָ. איך גיי גלייך אַריינטראָגן דעם סאַמאָוואַר. (אָפּ)

דאָקטאָר: נו, הער גאָלץ, איצט גיב איך אייך אָפּ מזל טוב. (הויבט זיך אויף, גיט אים די האַנט.) גליק פון מיין טיפן האַרצן . . .

גאָלץ: אַ דאַנק, אַ דאַנק, הער דאָקטאָר. (טוט אויס זיין מאַנטל.)

(דינסט טראָגט אַריין דעם סאַמאָוואַר, שטעלט אים אויף דעם טיש.)

גאָלץ: דער דאָקטאָר וועט מיט אונדז וועטשערע עסן. איר הערט, רחל?

הער זילבער: מיט וואָס ביסטו אַזוי זיכער אַז דער דאָקטאָר וועט וועלן?

דאָקטאָר: הער גאָלץ, איך וועל אייך ניט אַנטזאָגן.

דינסט: עס בראָט זיך אַ טייער פּעטינקע גענדזל, אַז איר וועט זיך אַלע באַלעקן.

דאָקטאָר: מען רימט אייער קאָכן. נאָר איצט וועל איך זען אויב עס איז אמת, אויב איר זייט טאַקע אַ גוטע קעכין? . . .

דינסט: דענקט ניט, הער דאָקטאָר, אַז איך בין אַ דינסט אַלע מיינע יאָרן געווען. איך האָב אַמאָל אויך געהאַלטן דינסטן. נאָר, אַז גאָט האָט געוואָלט אַזוי . . . — (ווישט די אויגן')

גאָלץ: ווער האַלט דען דאָ אייך פאַר אַ דינסט? מען פרעגט דען אייך וואָס איר טוט? אָדער ווי איר טוט? איר זייט די אויפזעערין פון אונדזער הויז.

דינסט: איך האָב זיך ניט צו באַקלאָגן. דאַנק דיר גאָט פאַר דעם . . . און געזונט זאָלט איר זיין מיט אייער פרוי און מיט אייער ניי־געבאָרן קינד.

(וואַרפט אַ קוש וואו די קימפעטאָרין ליגט.) אָך, האָב איך זי ליב, ווי אָן אייגן קינד. אָנגיסן אייך נאָך טיי, דאָקטאָר?

דאָקטאָר: דאַנקע, איך וויל ניט מער.

דינסט: און איר, מאַדאַם זילבער, וועט אויך עסן מיט אונדז וועטשערע?

מאַד. זילבער: און וואָס וועלן מיר טאָן מיט אונדזער וועטשערע? (צום מאַן): קום טאַקע אַהיים, די קינדער וואַרטן אויף אונדז.

גאָלץ: וואָס רעדט איר, שוויגער, איך מיין דאָך אַז איר זאָלט ביי אונדז נעכטיקן.

מאַד. זילבער: ווער זאָגט דען דיר אַז ניט? געוויס וועל איך קומען נעכטיקן.

דינסט: טאָ זאָל הער זילבער גיין אַהיים, און איר וועט דאָ בלייבן. צוליב וואָס זיין אַהין און אַהער?

מאַד. זילבער (צום מאַן): ווי דענקסטו, וואָלט דאָס ניט גלייך געווען?

הער זילבער: זאָל זיין אַזוי. איך גיי גלייך. (שטעקט אַריין דעם קאָפּ צו דער קימפעטאָרין.) אַ גוטע נאַכט, טאָכטער. גוטע נאַכט אייך אַלעמען. (אָפּ)

(עס הערט זיך אַ געוויין פון קינד.)

(גאָלץ שפּרינגט אויף און גייט אַריין אין שלאָפצימער.)

דאָקטאָר: דאָס קינד וועט אים איבערמאַכן, ער האָט עס ליב.

מאַד. זילבער: אויף דעם איז אונדזער גאַנצע האָפענונג. איך דאַנק דיר, גאָט.

דאָקטאָר: דאָס איז אַ נאַטור-געזעץ, און ניט דער ווילן פונעם מענטשן. (דינסט אָפּ.)

גאָלץ (קומט אַריין): שוויגער, זי רופט אייך.

דאָקטאָר: איך גיי אויך. (מאַדאַם זילבער אָפּ.)

גאָלץ (צום דאָקטאָר): מיט אייך האָב איך . . . וויל איך וואָס ריידן . . .

דאָקטאָר: דערפאַר וויל איך זען, וואָס זי מאַכט פריער.

גאָלץ: גוט, קומט באַלד אַריין דאָקטאָר. (דאָקטאָר אָפּ. — שפּאַנט אַהין און אַהער.) דאָס איז אַ גאַנץ אומגעוויינלעכע ענדערונג. איך האָב דאָס ווירקלעך ניט דערוואַרט. זאָל זיין ווי עס וויל, אָבער איך האָב עס ליב באַקומען. ווי קליין עס איז, און דאָך ווי גרויס די ליבע צו דעם איז. ווי אַ שטראָם פון נייע געפילן וואָלטן מיך אַרומגעכאַפּט. ליבע צו אַלעס און צו אַלעמען. איך פיל, אַז איך האָב עפּעס טייערס געפונען, וואָס איך האָב לאַנג אַרומגעזוכט און ניט געוואוסט וואָס איך זוך . . . און ענדלעך . . . (גייט צו צו די פאָרהאַנגען, קוקט אַריין.) אָרעמע פרוי מיינע, זי האָט אַלעמאָל געבעטן איך זאָל מיין שטעלע אויפגעבן, וועט מען לעבן אָרעמער אָבער צוזאַמען. און ווער האָט פאַרטראַכט אירע רייד? ווער האָט האָט געפילט איר געפיל? אָ, פרוי, צייטנווייז ביסטו מאַרטירעריש, וואונדערבאַר! (גייט צו ווידער צו די פאָרהאַנגען. — דאָקטאָר דערשיינט.)

דאָקטאָר (בלייבט שטיין, קוקט אויף גאָלצן): מיין הער, מיר קענען ריידן. קומט זעצט זיך. (זיי זעצן זיך. דער דאָקטאָר פאַררויכערט אַ ציגאַר.) וואָס ווילט איר מיט מיר ריידן?

גאָלץ: איך, ע, איך . . .

דאָקטאָר: רעדט אָפן, באַהאַלט גאָרניט. איך ווייס אַז מיט דעם געבורט פון קינד האָט עס געמאַכט צו ענדערן אייערע געפילן.

גאָלין: הער דאָקטאָר, איך ליב דאָס קינד.

דאָקטאָר: וועלכער פאָטער האָט ניט ליב זיין קינד? וואָס דערציילט איר מיר דאָ פאַר אַ נייעס!

גאָלין: ביי מיר איז דאָס אַ נייעס, ווייל איך האָב קיינמאָל ניט געבענקט און ניט געפילט, אַז איך דערוואַרט אַ פאָטער צו ווערן; עס איז מיר גאַנץ פרעמד דער געפיל געווען.

דאָקטאָר: האָט איר זיך געפילט, אַז איר האָט אַ היים און אַ ליבע צום פאַמיליען־לעבן?

גאָלין: מיר דוכט זיך אַז ניט. איך האָב קיינמאָל קיין בענקשאַפט ניט געפילט, ניט נאָך מיין היים, און ניט . . .

דאָקטאָר: צוליב וואָס האָט איר געהייראַט?

גאָלין: זאָל איך זאָגן דעם אמת?

דאָקטאָר: אויב ניט דעם אמת, דאַן דערציילט מיר גאָרניט.

גאָלין: דאַן טו איך עס. (אַ קליינע פּאַוזע.) הער דאָקטאָר, איך האָב געפּירט אַ שטורמיש, אָדער בעסער געזאָגט, עקלהאַפט לעבן. מיין פּראָפעסיע האָט מיר פיל אין דעם געהאָלפן. די פרויען זיינען זייער לייכטזיניק . . . אַ פּראַנטל בין איך אימער געווען. געזאָגט אַ מיידל איך ליב—און זי איז געווען מיינע . . . איך האָב ניט איבערגעקליבן קיין פרויען, מיידלעך . . . אַלטע, יונגע . . . שיינע אָדער מיאוסע. איך האָב בלומען אויסגעריסן און מיט די פיס געטראָטן. איך האָב פילע מאָל פאַמיליען־לעבנס רואינירט . . . אין יעדער שטאָט, וואו איך בין געווען, האָב איך אַ צייכן פון בלוט הינטער זיך איבערגעלאָזן . . . אַ, די פרויען! דאָס איז אַזאַ ווייַן, וואָס מער איר טרינקט, מער ווילט איר . . .

דאָקטאָר: ווענען באַשולדיקט איר אין דעם? איר ווייַנט? . . .

גאָלין: הער דאָקטאָר, איך באַשולדיק זיך, זיך אַליין באַשולדיק איך. איך בין אַ פאַרברעכער געווען און גיב עס צו. איך האָב קרבנות געשפּרייט, דאָקטאָר. דאָס איז מיין ווידוי פאַר אייך. איך פיל זיך היינט גליקלעך און דאָך שרעקט מיר מיין האַרץ עפּעס. — עך . . . עך . . . ווען דער מענטש זאָל וויסן וואָס באַדייט גליק, און אומגליך, די שרעק פון פרייד, די שרעק פון אומגליק. . . דאָס איז אַ קראַפט, וואָס איז איבער אונדזער מעגלעכן געפיל . . . אָבער פיל מאָל, ווען עס קלאַפּט דאָס האַרץ, אָך, דאַן ציטער איך . . .

דאָקטאָר: וואָרום האָט איר געהייראַט? זאָגט מיר! האָט איר . . .

גאָלין: לאָזט, איך בעט אייך, איך רעד וועגן שרעק . . . איך האָב דאַן אויך געפילט אַזאַ קלאַפּעניש אין האַרץ ווי איצט . . . אין אַ קליין שטעטל בין איך געווען, נאָר, דאַכט מיר, גאָר אַ קינד איז זי געווען, זעכצן, זיבעצן יאָר . . . אָבער ניט מער, זאָג איך אייך. אַ בלום . . . גאָט, ווי שיין זי איז געווען! . . . איין וואָך בין איך אין שטעטל געווען. פאַרט ניט, האָט זי געבעטן . . . איך וועל זיך דאָס לעבן נעמען אויב איר פאַרלאָזט מיך . . . אָדער נעמט מיך מיט. (ווישט די אויגן.) זעקס אין דער פרי, ווען די באַן האָט געדאַרפט אָפּגיין, איידער איך האָב זיך געוואָלט זעצן, האָב איך דערהערט אַ געשריי: גאָלין, נעם מיך מיט! איך האָב זיך גיך אַריינגעכאַפּט אין וואָגאָן — אַ פייף . . . איינס, צוויי, דריי . . . די באַן האָט זיך גערירט . . . אַ געשריי, די באַן איז שטיין געבליבן . . . דאָקטאָר. (לענט זיך אָן טיש און וויינט.)

דאָקטאָר: אַ פאַרברעכער מוז זיין אַ האַרטער מענטש! . . . ניט אַזוי ווייבעריש ווי איר זייט.

גאָליך: זידלט וויפיל איר ווילט, אָבער פאַרגעסט מיך אויך ניט צו טרייסטן. מיין נשמה איז קראַנק פון דאַן אָן, ווי אַ שטן גייט זי מיר נאָך . . . אָט איצט איז זי אַפילו פאַר מיינע אויגן, ווי אַ לעבעדיקע . . . א—א—

דאָקטאָר: נו, דאָס דאַרפט איר זיך שוין אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. דאָס איז ביי אייך אַ מאַניע־קרענק.

גאָליך: אַ געוויסן־קרענק. דער געוויסן, פאַרשטייט איר, גראָבט מיך אונטער.

דאָקטאָר: און ווי פירט איר זיך היינט אויף?

גאָליך: היינט? היינט קעמף איך מיט דער חיה אין מיר . . . איך דער־שטיק די חיה יעדעס מאָל ווען זי ווערט ווילד! . . .

גאָליך: יאָ, עס געלינגט כאָטש . . . אָבער עס געלינגט! . . .

גאָליך: יאָ, עס געליגט כאָטש . . . אָבער ער געלינגט! . . .

דאָקטאָר: וואָס טוט איר אין אַזאַ פאַל?

גאָליך: איך פאַר גלייך אַהיים . . . זי איז גוט און איבערגעבן . . .

דאָקטאָר: נו וואָס זשע ווילט איר?

גאָליך: מיין נשמה היילט מיר . . . אויך מיין קערפּער היילט מיר.

דאָקטאָר: אויף דעם דאַרף איך גוט שטודירן, אויב איך בין בכוח צו דעם.

גאָליך: איך גיי אַרום ווי אַ שטן . . . ניין, דאָקטאָר, איך וויל מיין קינד זאָל אַ פאָטער האָבן, איך האָב עס ליב.

דאָקטאָר: זאָגט, וואָרום האָט איר ניט געוואָלט אייער פרוי זאָל אַ קינד געבוירן?

גאָליך: ווייל . . . ווייל איך האָב מורא . . .

דאָקטאָר: פאַר וואָס?

גאָליך: ער זאָל ניט באַקומען מיין ירושה, וועלכע איך האָב גע'ירשנ'ט פון מיין פאָטער.

דאָקטאָר: איז אייער פאָטער . . .

גאָליך: געשטאָרבן פון אַזאַ לעבן . . . אָ! איך בין נאָך אַ קינד דאַן געווען . . . אָבער די ווילדע איינפאַלן פון מיין פאָטער געדענק איך . . . ער האָט ביי אַזאַ אָנפאַל שיער ניט דערוואָרגן מיין מוטער.

דאָקטאָר: איז ער הייסט עס געשטאָרבן פון ווענערישער קראַנקהייט?

גאָליך: איך ווייס ניט פון וואָס ער האָט געליטן. איך בין נאָך געווען צו קליין צו פאַרשטיין עס. איך ווייס נאָר, ער פלעגט ווילד ווערן . . . משוגע . . . גאָט, ווי משוגע . . .

דאָקטאָר: ווען האָט איר זיך צום ערשטען מאָל? . . . איך מיין . . .

גאָליך: נאָך אַלס קינד . . . שפּילנעדיק זיך . . .

דאָקטאָר: און אייער מוטער פון וואָס איז געשטאָרבן?

גאָליך: דאָס געדענק איך ניט!

דאָקטאָר: ווי זייט איר אין אייער געשעפט?

גאָליך: וואָס מיינט איר?

דאָקטאָר: איך מיין, צי זייט איר רואיק? צי אויפגערעגט?

גאָליך: די לעצטע פאַר יאָר — זייער אויפגערעגט. איך קען לאַנג ניט רעדן מיט קיין מענטשן, ניט זיצן לאַנג אויף איין פלאַץ, און . . .

דאָקטאָר: נו, גענוג . . . איצט וועלן מיר רעדן פון עפּעס אַנדערש . . .

איך זע ביי אייך ביכער, אַ סך וויסנשאַפטלעכע צווישן זיי. האָט איר זיי געלייענט?

גאָליק: כמעט אַלע וואָס זיינען דאָ האָב איך געלייענט. לייענען האָב איך אימער ליב. איך האָב פיל געלייענט וועגן אַנאַטאָמיע, היגיענע און געשלעכט.

דאָקטאָר: האָט איר עפּעס געלערנט פון דעם?

גאָליק: פיל, זייער פיל האָב איך געלערנט.

—**דאָקטאָר:** האָט איר געלייענט די געפאַרן פון אַזאַ לעבן?

גאָליק: אַלעס, אַלעס . . . איך ווייס . . .

דאָקטאָר: זייט איר קערפּערלעך שוואַך?

גאָליק: איך פיל, אַז די ביינער אין מיר טריקענען . . . דאַרן! . . . און אין קאָפּ ברענט און שווינדלט. עס טריקנט דער מאַרך אין מיין גאַנצן קערפּער . . . דאָס מאַכט מיך שלעכט צו אַלץ און צו אַלעמען.

דאָקטאָר: איצט וועל איך אייך פרעגן, וועט איר פאָלגן מיין ראָט? וועט איר פאָלגן וואָס איך וועל אייך הייסן?

גאָליק: אַלעס . . . אַלעס וואָס איר וועט הייסן! . . .

דאָקטאָר: איר זאָלט ניט עסן קיין פליש, קיין מילך, קיינע אייער, ווען איר פאָרט אַרויס. דאָס זיינען די הויפּט־זאַכן וואָס מאַכן רייצן צום פאַרקער. קיינע שאַרפע געטראַנקען. דאָס איבעריקע וועל איך אייך קענען ראָטן נאָך אַ פאַרזיכטיקער אונטערזוכונג.

גאָליק: אַך, דאָקטאָר, ווען איר זאָלט וויסן מיינעליידן, דאָקטאָר — איז גאָר קיין מיטל ניטאָ צו היילן דעם געוויסן? . . .

דאָקטאָר: ביז איצט איז נאָך אַזאַ מיטל ניט דערפונדן געוואָרן, איבער צוויי אורזאַכן: דאָס ערשטע, צו דערפינדן אָדער צו אַנטדעקן אַזאַ מיטל, מוז מען האָבן געוויסן, און דאָס צווייטע איז קיין געוויסן ניטאָ. ווען דער מענטש, מיין פריינט, וואָלט געהאַט געוויסן, וואָלט אַזאַ וועלט ניט געווען . . . איר רופט דאָס געוויסן . . . און איך רוף עס שרעק, איינבילדונג, קרענק. אָבער מען הויבט שוין אָן היילן דאָס אויך. איך האָף אַז מען וועט מיט דער צייט היילן דעם געוויסן אויך.

גאָליק: דאָקטאָר, גלויבט איר, אַז עס איז דאָ אַ רעטונג פאַר מיר?

דאָקטאָר: דאָס וועל איך אייך קענען זאָגן, ווען איך וועל אייך אונטער־זוכן. איך וועל אָנווענדן אַלע מיטלען פון דער וויסנשאַפט, און דאַן וועל איך אייך אָן ענטפער געבן. נאָך דעם אויסקוק נאָך זע איך אין אייך קיין געפאַר ניט, כאָטש איך ווייס ניט וואָס די אונטערזוכונג קען באַווייזן . . .

גאָליק: איך האָב ניט געהאַט קיין גוטע דערציאונג. מיין פאָטער, אַ שלעכ־טער אפשר, אויך דורך דיזעלבע אורזאַכן, מיין מוטער פאַרהאַוועט פאַר דעם לעבנס־קאַמף, האָט מיך געלאָזן אויף הפקר, און אַזוי ווי איר זעט, בין איך אַ הפקר־יונג אויפגעהאָדעוועט, פון שטורעם געשטויסן, פון דונער געשלאָגן.

דאָקטאָר: איר רעדט מיט חרטה. איר זייט אַ שטיקל אויבערמענטש! . . . נעמט זיך אין די הענט.

גאָליק: איך בין אַ שטויב פון דעם גרויסן באַרג, וואָס לאָזט זיך אין אַ שטורעם העכער זיך אויפצוהויבן, כדי צו זען מער אַרום זיך . . . און קיינמאָל איז מיר ניט אויסגעקומען צו זען די זון, אַ ריינע אָן וואָלקנס . . .

דינסט (דערשיינט): קען איך אייך געבן עסן?

דאָקטאָר: עסן? יע . . . גיט עסן. (דינסט אָפּ) עסן, אַ מאָדנע זאַך . . .

איר מאַכט מיך אויך צו עראינערן מיין פאַרגאַנגענהייט . . . (דינסט ברענגט אַריין עסן.)

גאָליק: מיר ווילט זיך גאָר ניט עסן. (דינסט אָפּ.)

דאָקטאר: אָבער היינט דאַרפט איר אַ סך עסן, דעם שטורעם איבער־צוטראָגן . . .

גאָליק: יאָ, איך פיל, אַז אַ שטורעם דאַרף קומען. די וואָלקנס זיינען איבערן קאָפּ.

דאָקטאר: וואָס איז אייך טייער איצט אין לעבן?

גאָליק: אַ, דאָקטאר, איר באַהאַלט וואָס עפּעס פון מיר? . . . עפּעס, וואָס שרעקלעכעס דאַרף קומען . . . איך פיל עס . . . איך דערוואַרט אומגעדולדיק. זאָל עס שוין קומען, דאָקטאָר, זאָגט! . . .

דאָקטאר: ווער איז אייך ליבער, אייער פרוי, צי אייער קינד?

גאָליק: דאָקטאר! . . .

דאָקטאר: זאָגט!

גאָליק (דערשלאָגן): אָןביידן קען איך ניט לעבן.

דאָקטאר: דאַן הערט. זייט געגרייט. אייער פרוי, האָב איך געדענקט, וועט שוין ניט לעבן מער, נאָר עס האָט זיך אויף הונדערט פּראָצענט געביטן און זי וועט בלייבן לעבן. אָבער אייער קינד . . .

גאָליק: דאָקטאר! . . .

(עס הערט זיך אַ גערויש און שלאָפּצימער, די פאַרהאַנגען ציען זיך פאַנאַנדער. מאַדאַם זילבער לויפט אַריין.)

מאַד. זילבער: דאָקטאָר, דאָס קינד . . .

דאָקטאָר (באַקוקט דאָס קינד): דאָס קינד איז טויט!

(פ אַ ר ה אַ נ ג)

.1912



נייע בילדער אין דיימאָנדשטיינס גאָרטן

(אויבן) דר. איינשטיין — שענער געמאַכט, מיט מיורעלס אַרום. די פיר זייטן — מיט שטערן, קאָמעטן, פּלאַנעטן א.אַז.וו. (אויבן) דר. הערצל, מיט אַ קאַפּעלוש, מיט אַ פוטערל און אַ שטעקן (אַן אייגענער איינפאַל).

צוויי חברים

אין אָנדיינק מיין גוטן חבר ה. גאָלדאָווסקי

צוויי חברים

פּערזאָנען:

פּאַמפּיין: קאַרטוניסט.

לודוויק: סטודענט אין שפּראַכן.

מאַרסעל: לאַיער פון דער פּלי־פּאַסט.

לאַרא: פּאַמפּיינס שוועסטער.

דאַנעטא: פּאַמפּיינס געליבטע.

(אַ צימער, אַ וואַנט מיט ביכער, אַ קליין טישל ביי דער וואַנט, עט־לעכע שטולן, אַ בעטל, עטלעכע בילדער אויף דער וואַנט. פּאַמפּיין ליגט אויפן בעט און לייענט אַ ציַיטונג. ביים טישל זיצט לודוויק, בלעטערט אין בוך נאָכן צווייטן.)

לודוויק: צום שוואַרץ יאָר, איך וועל משוגע ווערן.

פּאַמפּיין: לאָז עס גיין, זאָג איך דיר. ווע‎סט קיין פּילאָלאָג סיי־ווי־סיי ניט ווערן. (זעצט זיך ביים ראַנד בעט.)

לודוויק: דו גיי צום טייוול.

פּאַמפּיין: אויך דעם טייוול גלוסט זיך ניט מיט דיר אָנצופאַנגען. זאָג נאָר, האָסטו אפשר אַ סיגאַרעטל?

לודוויק: נו, אַט האָסטו דיר, אַבי איך האָב ביי דיר געוואָלט בעטן.

פּאַמפּיין: פון וואַנען זאָל איך האָבן? איך האָב שוין ניט געזען קיין פּעני פון עטלעכע טעג.

לודוויק: האָסט זיך פאַרגעסן אַז מאָרגן אין דער עשטער?

פּאַמפּיין: פאַרגעסן, ניט פאַרגעסן, מיך אַרט דאָס זייער ווייניק.

לודוויק: וועסט זען, מען וועט אונדז אַרויסוואַרפן פון דאַנען׳ נאָך איין קוואָדער פאַרמאָג איך, און, איך ווייס ניט וואָס צו טאָן?

פּאַמפּיין: ווען איך האָב אַ קוואָדער, בין איך אַ קאַפּיטאַליסט. הערסט, אַ קאַפּיטאַליסט! הער זיך צו, לודוויק, וואָס וועט זיין אַז מען וועט דיך טאַקע מאַכן צו מופן?

לודוויק: און וואָס איז דער מער מיט דיר? דו ביסט דאָ גאָר ניטאָ?

פּאַמפּיין: פאַר מיר האָסטו גאָרניט וואָס צו דאגהן, אָבער פאַר דיר, נאָך מער פאַר דיינע ביכער? . . .

לודוויק: אָ, מיינע ביכער, מיינע ביכער. (צו די ביכער): מיין גאַנץ לעבן ליגט אין אייך.

פּאַמפּיין: מיין גאַנץ לעבן. ווי דאָס רעדט. דיין גאַנץ אומגליק, אומגליק ליגט אין זיי. גולם, גיב אויף די ביכער.

לודוויק: דו מאַכסט מיך משוגע, פון זינען טרייבסטו מיך.

פּאַמפּיין: איך טרייב דיך פון זינען? איך? זע וואָס די ביכער האָבן גע־

מאַכט פון דיר. קראַנק, האַלב משוגע, און וואָס? זאָג, ווי לאַנג? מען פאַרשטייט דיך סיי־ווי ניט. וואָס ווילסטו?

לודוויק: דערפאַר קעמף איך ביז מען וועט מיך דאָך פאַרשטיין. ווייסט, אַז מען האָט ביי מיר היינט געגומען מאַנוסקריפּטן דורכצוקוקן, און טאַקע אין אַ גרויס פּלאַץ אויך.

פּאַמפּיין (גיט אים די האַנט): דאַן ווינטש איך דיר גליק. עפּעס אַ גרויס ווערק?

לודוויק: די גרויס, דאָס קען איך דיר זיכער ניט זאָגן. נאָר דער אינהאַלט איז אַ טיפער, אַ טיף פּסיכאָלאָגיש ווערק.

פּאַמפּיין: און אַז דיין ווערק זאָל אָנגענומען ווערן. כ'מיין, ווען מען לאָזט דיר וויסן, אַז דיין ווערק איז גוט, און דו קריגסט אַ פּאָר טויזנט דאָלער.

לודוויק, אָ, אָ! רעד ניט! רעד ניט! איך וואָלט אפשר משוגע געוואָרן פון פרייד.

פּאַמפּיין: טאַקע דערפאַר וויל איך דיר זאָגן, זיי גרייט, ביין מאָל פאַר יאָ, און איין מאָל פאַר ניט.

לודוויק: אָ, פּאַמפּיין, (כאַפּט אים אַרום) גיסט מיר באַלזאַם פאַר מיין קראַנקער נשמה מיט אַזעלכע רייד.

פּאַמפּיין: הער זיך צו, לודוויק, נאָר זאָג מיר דעם אמת: האָסט עמיצן דיינע מאַנוסקריפּטן געגעבן אַחוץ היינט?

לודוויק (קליינע פּאַוזע): אָבער וואָרום פרעגסטו מיר? . . .

פּאַמפּיין: ווייל די לעצטע צייט פאַרבאַרגסטו זיך פון מיר! דו טוסט אָפּ זאַכן און האַלסט זיי פון מיר בסוד.

לודוויק: ווייל דו לאַכסט פון מיין יעדע זאַך וואָס איך שרייב, און פון מיין יעדן געדאַנק וואָס איך זאָג אַרויס.

פּאַמפּיין: זאָג מיר, וואָס האָסטו אַוועקגעשיקט? האָסטו פאַר מיר עס פאַר־געלייענט?

לודוויק: פון וואָס דו האָסט אָפּגעלאַכט די וועלט איבער טויזנט יאָר.

פּאַמפּיין: האָסטו עס געשיקט ווי עס איז געווען?

לודוויק: איך האָב וואָס צוגעגעבן, און עפּעס אַרויסגענומען.

פּאַמפּיין: ווי לאַנג אַז דו האָסט עס געשיקט?

לודוויק: דריי חדשים.

פּאַמפּיין: צו אַ גרויסן פאַרלעגער?

לודוויק: צו דיין אָנקל!

פּאַמפּיין: זייער קלוג געטאָן.

לודוויק: ניט איך בין אַ קלוגער, נאָר דו ביסט דער קלוגער.

פּאַמפּיין: האָסט עפּעס אַ סך אויסגעריסן, כמיין אַסך אַרויסגענומען?

לודוויק: דריי קאַפּיטלעך האָב איך געקירצט, ווייל דו האָסט אויסגעזעצט קעגן זיי.

פּאַמפּיין: און קיין ענטפער האָסטו נאָך ניט באַקומען?

לודוויק: איך האָב שוין די האָפענונג אויף אַן ענטפער אויפגעגעבן.

פּאַמפּיין: זאָג, ביסטו בייז אויף מיר? איך האַלט פון דיר, אָבער ניט פון דיין גרויסקייט, מיין איך.

לודוויק: באַשטימט ווייס איך אַליין ניט; בייז, ניט בייז, אויף דערווייל־טוט ווי . . . נאָר דאָך ביסטו מיין בעסטער פריינט.

פּאַמפּיין: און וואָס הערט זיך וועגן דעם קוואָדער? ווי דענקסטו אים איינצוטיילן?

לודוויק: ווי דענסטו? אפשר קויפן אַ גרויס ברויטל?

פּאַמפּיין: קויף סיגאַרעטלעך, אָדער גאָר אַ טאַבעקע, און מיר וועלן אַליין מאַכן . . .

לודוויק: וואָס רעדסטו? און עסן? איך בין דאָך טויט הונגעריק!

פּאַמפּיין: פאַר עסן ניט דאגה. דו קויף נאָר סיגאַרעטלעך, דאָס גאָר, וואָס מיר דאַרפן. עסן וועט שוין אונדז ניט פעלן.

לודוויק: וואָס מיינסטו? דערקלער מיר, איך פאַרשטיי דיך ניט!

פּאַמפּיין: וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? מיר'ן גיין אין רעסטאָראַן און וועלן עסן.

לודוויק: און צו באַצאָלן וואו וועלן מיר נעמען?

פּאַמפּיין: פאַרלאָז זיך אויף מיר. אַט האָב איך שוין פון עטלעכע וואָכן קיין געלט ניט, און עס גאַנץ פיינע מאָלצייטן.

לודוויק: איך פאַרשטיי דיך ניט! וואָס מיינסטו מיט דעם?

פּאַמפּיין: אַט אַזוי איז דאָס געשען. (שפּאַנט הין און צוריק.) דאָס איז געווען מיט אַ וואָך צוריק, עסן האָב איך געוואָלט דער טייוול ווייס ווי. איך האָב געהאַט פינף סענט אין מיין קעשענע. איך בין אַריין אין אַ רעסטאָראַן. דער קעלנער איז צו מיר צו. איך האָב אַ בליק געטאָן אין שפּייז־קאַרטע. אַ סטעיק האָט מיר פאַרשמעקט, און פון מויל האָט זיך אַרויסגעקייקלט ניט ווילנ־דיק — אַ סטעיק! . . .

לודוויק: אַ סטעיק? (באַלעקט זיך.) נו! נו!?

פּאַמפּיין: איך האָב געשלונגען ווי אַ חיה.

לודוויק: דאָס ווייס איך, אַז פרעסן קענסטו. אָבער ביים באַצאָלן, וואָס האָסטו געטאָן?

פּאַמפּיין: האָב איך אָנגעפאַנגען, האָב איך שוין געהייסן דערלאַנגען נאָך און נאָך. דער קעלנער האָט מיר דערלאַנגט אַ ביל. דער ביל איז געווען אַ דאָלער זעכציק סענט. איך האָב זיך שנעל אַ הויב געטאָן. דעם ניקל האָב איך וואַרף געטאָן דעם קעלנער מיט אַ קלונג, און בין צו צום קאַסירער, כלומרשט גענומען טאַפּן די קעשענעס. אַ זאָג געטאָן: מען האָט מיך דאָ באַגנבעט. דער מענעדזשער איז צו מיר צוגעגאַנגען, האָט מיך אָפּגערופן אָן אַ זייט: אַ סך געלט האָט איר געהאַט?

לודוויק: אַ. אַ. טייוול דו!

פּאַמפּיין: איך מוז לויפן אַ קוק טאָן. באַשטימט ווייס איך ניט. דאָ ניט ווייט איז מיין סטאָר. — גייט גייט, זאָגט ער צו מיר, אפשר האָט איר געלאָזן דאָס געלט גאָר אין סטאָר? אינערלעך, האָב איך געטראַכט: אויסגעצייכנט. און אין פופצן מינוטן שפּעטער בין איך שוין געלעגן דאָ אין בעטל.

לודוויק: אַ ספּעציאַליסט, זאָג איך דיר. און איצט?

פּאַמפּיין: און איצט עס איך דריי מאָל אַ טאָג די בעסטע געריכטן, און אַמאָל אַ ציגאַר אויך, און עס קאָסט מיך קיין פעני געלט ניט.

לודוויק: און וואו איז דיין כאַראַקטער? דאָס איז דאָך גאָר אַ שווינדל. ווען דו זאָגסט כאָטש, דו האָסט קיין געלט ניט, וואָלט מען דיר דאָך אויך געגעבן אָפּעסן.

פּאַמפּיין: ניין, דאָס ניט! בעטלען וועל איך ניט. איידער בעטלען איז בעסער

גנבענען, רויבן, מיט געוואַלד נעמען, אָבער ניט בעטלען. איך וועל דעם ביסן פון דיין מויל אַרויסרייסן, אָבער ניט בעטלען ביי דיר.

לודוויק: ווען, צום ביישפּיל, איך זאָל האָבן איצט געלט, וואָלסטו עס ביי מיר עקספּראָפּריאירט?

פּאַמפּיין: ווען מיר וואָלט געפעלט, און דו וואָלסט געהאַט, וואָלט איך עס געוויס געטאָן.

לודוויק: ווען האָסטו עס באַקומען אַזוינע געדאַנקען? די טעאָריע איז גראָד אַן אַלטע . . .

פּאַמפּיין: צו גלויבן אין יושר? ווען יענער האָט פון אַלעס איבערפול, און דו גייסט אַרום הונגעריק, אָרעם, אָפּגעריסן, און דו מוזט זיך פאַרקויפן, און פאַרן שטיקל ברויט זויגט מען אויס דיין געזונט, דיין נשמה, און אין דער זעלבער צייט לעבן מענטשן אַ גוטן טאָג, וואָס זיי טוען גאָרניט.

לודוויק: זעסטו, איך וואָלט ניט געוואָלט אַ לעבן פון גלייכע מענטשן. נאָך מיין מיינונג, וואָלט דאָס לעבן ווייניק אינטערעסאַנט געווען. דאָס שטרעבן צו העכערס וואָלט פון מענטשן פאַרשוואונדן. וואָס וואָלט, צום ביישפּיל, מיך געצויגן אַרויף צום באַרג, וואָס רופט זיך רוים און גליק? זע, ווי שווער מיין וועג איז, פול מיט שטעכיקע דערנער. זע, ווי בלוטיק, און איך גיי, און זוך מיין גליק צו דערגרייכן . . .

פּאַמפּיין: „אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן.‟ ווייל דו קוקסט שוין פון אויבן אַרונטער אויף דיינע מיטמענטשן. דיין געדאַנק, און דיין בליק, איז נאָר זעלבסטליבע, אויטאָקראַטיע! . . . דו ביסט ניט קיין פאָלקסמענטש. דו שטרעבסט ניט צו קיין גלייכהייט, פרייהייט, פאַר דעם מענטש.

לודוויק: יאָ, איך בין עגאָאיסטיש: איך וויל אויך פילן דעם טעם פונעם כבוד וואָס אַ גדול האָט. איך זוך צו ווערן אַ שפּראַכן־קענער, טאָג און נאַכט לערן איך די וועלט־שפּראַכן און די וועלט־ליטעראַטור. זע, ווי גראָ און שוואַך איך בין געוואָרן.

פּאַמפּיין: און דערפאַר טאַקע האַלט איך פון דיר ניט. ווייל דיין לערנען און שטודירן איז נאָר די באַרימטקייט, דער נאָמען זאָל אויף דער וועלט קלינגען.

לודוויק: וואָס דען האָסטו געוואָלט?

פּאַמפּיין: אַ טאַלאַנט זאָל קיינמאָל ניט זוכן צו פאַרגעלטן זיין טאַלאַנט, ווייל דאָס געלט רויבט אַוועק זיינע געפילן; ער האָט אין זינען דעם מאַרק, ניט זיין האַרץ, זיין נשמה. (אַ קלאַפּ אין טיר.) ווער זאָל דאָס זיין? (אַ קלאַפּ אין טיר.) קאָם אין. (לאַרא און מאַרסאַל דערשיינען.)

לאַרא און מאַרסאַל: האַלאָ! האַלאָ! (גיבן זיך די הענט.)

לאַרא (וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם מאַנטל): ווי הייס ביי אייך איז.

פּאַמפּיין: אַז ס׳איז קאַלט אין קעשענע, פילט מען ניט די היץ ביי זיך.

מאַרסאַל: ביסט אַליין שולדיק. קענסט לעבן ווי אַ פּריץ, ווען דו ווילסט...

פּאַמפּיין: האָסט אפשר אַ ציגאַרל, אָדער אַ ציגאַרעטל, מאַרסאַל?

מאַרסאַל: געוויס האָב איך! (נעמט אַרויס אַ קעסטל ציגאַרן, גיט איינעם פּאַמפּיינען און לודוויקן. פּאַמפּיין רוקט אַריין די פינגער אין קעסטל, נעמט אַרויס עטלעכע ציגאַרן, טוט זיי אַ שמעק, לייגט זיי אַריין אין זיין אויבערשטער קעשענע.)

לאַרא: זיי ניט קיין חזיר.

פּאַמפּיין: אַ חזיר איז דער וואָס האָט אַ סך און האַלט פאַר זיך.

לודוויק: דאָס איז זיין נייע אידייע, נעמען און ניט בעטן.

פאַמפיין (פאַררייכערט אַ ציגאַר. צו לאַראַן): וואָס שטייסטו, זעץ זיך צו אַט דאָ. (ווייזט אָן אויפן בעט.) און דו, מאַרסאַל, מעגסט זיך אויך צוזעצן. ביסט ברוגז אויף מיר? . . .

מאַרסאַל: קיינמאָל ניט! נאַדיר זיי אַלע. (גיט אים דאָס קעסטל ציגאַרן.)

פאַמפיין (נעמט די ציגאַרן): נעמען איז מיין פרינציפּ איצט.

לאַרא: ווי לאַנג איז דאָס דיין פרינציפּ געוואָרן? האָסטו נאָך איבער די הענט ניט געקראָגן?

פאַמפיין: דערווייליע נאָך ניט! האָסט אפשר עטלעכע סענט, מיין שוועס־טער?

לאַרא: איך ווייס? (קוקט זיך אין טייסטערל): איך האָב איין דאָלער, נאַדיר אים. (גיט אים דעם דאָלער.)

פאַמפּ: אַ שוועסטער זאָל לעבן. (נעמט דעם דאָלער.) לודוויג, גיי קויף איין צום עסן.

לודיוויק (נעמט דעם דאָלער): וואָס זאָל איך קויפן?

פאַמפיין: קויף עפּעס רעכטס, ניט דיין טיי מיט ברויט. גיי שוין, גולם. וואָס שטייסטו? (לודוויק אָפּ.)

לאַרא: וואָס באַליידיקסטו אים אימער?

מאַרסאַל: ווען ער לאָזט זיך איז ער מער ניט ווערט ווי באַליידיקט צו ווערן.

פאַמפיין: נו! איצט זאָגט מיר, וואָס איז אייער באַזוך אין מיטן דערינען?

מאַרסאַל: איך האָב היינט דערהאַלטן אַ בריוו פון דער „פּלי־פּאַסט".

פאַמפיין: אַוודאי וועגן מיר!

מאַרסאַל: זיי שרייבן, זיי האָבן דערהאַלטן דיינס אַ צייכענונג, מיט אַ בריוו. די צייכענונג איז פאַר זיי די גרעסטע באַליידיקונג געווען.

פאַמפיין: דאָס האָב איך געוואָלט! . . .

מאַרסאַל: ווען דו זאָלסט וועלן זיין זייער קאַרטוניסט וועלן זיי מיט דיר מאַכן אַ קאָנטראַקט פאַר צוויי הונדערט דאָלער אַ וואָך.

פאַמפיין: איין מאָל פאַר אַלעמאָל, ניט! אויף דעם האָב איך זיי געשריבן אַ בריוו.

מאַרסאַל: און דו האָסט נאָך אַ פאַרשלאָג: זיי גיבן דיר פופציק דאָלער אַ וואָך, דו זאָלסט ניט מאַכן קיין קאַרטונס קעגן דער „פּלי־פּאַסט".

לאַרא: דענק זיך איבער, פאַמפיין. ווילסט ניט אַרבעטן פאַר אָנקל, דאָס אַרט מיך ניט. אָבער וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף אים?

פאַמפיין: ווען איך האָב זיך פאַר אים געבוקט, האָט ער מיר אין פּנים געשפּיגן. מיין יעדן קאַרטון האָט ער צו קליינגעלט געמאַכט, האָט מיין נשמה אויסגעזויגן, האָט פאַר דער קלענסטער באַלוינונג, פאַר דעם קלענסטן פּרייז מיינע קאַרטונס אויסגענאַרט. ער איז אַ פּאַראַזיט! אָבער איצט האָב איך אים אין מיינע נעגל.

לאַרא: און דו האָסט נאָך געזאָגט, אַז דו ליבסט דאַנעטקען?

פאַמפיין: לאַרא, דערמאָן ניט קיין מלאך ווען דו רעדסט פון אַ טייוול.

מאַרסאַל: פאָלג מיך, פאַמפיין, נעם אָן איין פאַרשלאַג פון די צוויי. דו קענסט לעבן רייך, אין לוקסוס און זיין גליקלעך. זע, איז דאָס גוט צו בעטן ביי איינעם אַ פּאָר סענט, צו האָבן מיט וואָס די נשמה צו דערהאַלטן?

פּאַמפּיין: איז גוט, אַז דער צווייטער זאָל זיין דער באַלעבאָס אויף דיין נשמה, אויף זיינע געפילן? אַ קינסטלער דאַרף זיין פריי, קיינמאָל פאַר קיין געלט זיך ניט פאַרקויפן. וואָס איך האָב געצייכנט איז אים ניט געפעלן געוועןº האָב איך געמאַכט אַ מלאך, זאָגט ערº מאַך אַ טייוול. ער האָט מיינע געפילן געטראָטן מיט די פיס און זיי געשענדעט! . . .

לאַראַ: דערפאַר וויל ער פאַר זיין אומרעכט דיר באַצאָלן.

פּאַמפּיין: איך בין ניט קיין פּראָסטיטוט. איך וויל מיין געפיל ניט פאַר־קויפן. (לודוויק דערשיינט מיט פּעקלעך פרוכט, ברויט און נאָך עסנוואַרג.) אַט אַזוי . . . גוט! . . .

לודוויק: עסן האָסטו ליב אַ סך, און אַרבעטן, גאָר ווינציק . . .

פּאַמפּיין: און ווי איז בעסערº אַרבעטן א סך און עסן ווינציק?

לודוויק (צעשניידט דאָס ברויט, מאַכט סענדוויטשעס)º א, ברודער, וועט דאָס זיין אַ סאַפּער! אָ, שוין לאַנג אַזאַ סאַפּער ניט געגעסן. (גיט פּאַמפּיינען אַ סענדוויטש)º נאַ, ווילסט נאָך איינעם?

פּאַמפּיין (עסט)º האָסט עפּעס צו טרינקען אויך געבראַכט?

לודוויק: וואַסער איז דאָ אין סינק גענוג.

פּאַמפּיין (צו לאַראַן)º ווילסט אַ סענדוויטש, לאַראַ? . . .

לאַראַ: איך האָב ערשט סאַפּער געגעסן! אַ טרונק וואָלט איך טאַקע גע־וואָלט!

לודוויק: צוליב אייך, גיי איך טאַקע אַרויפטראָגן.

לאַראַ: ניט נויטיק. איך קען טרינקען סינק־וואַסער אויך.

לודוויק: נו, דאָס קריגט איר גלייך. (דערלאַנגט איר אַ גלאָז וואַסער.)

לאַראַ: אַדאַנק. (נעמט דאָס וואַסער, טרינקט.)

פּאַמפּיין: ווי טאָלעראַנט דו ביסט דאָ, מיין שוועסטער . . .

לודוויק (צו לאַראַן, נעמענדיק דאָס גלאָז)º ווילט איר נאָך אַ גלאָז וואַ־סער? (לאַראַ שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.)

פּאַמפּיין: לודוויק, ווייסט, מען וויל מיך מאַכן פאַר אַ גביר!

לודוויק: נו, און דו לאָזט זיך ניט? . . .

פּאַמפּיין: יאָ, און איך לאָז מיך ניט!

לודוויק: מסתמא דאַרפסטו אַרבעטן!

לאַראַ: אפילו ווען ניט אַרבעטן, ווען ער וויל!

לודוויק: דאָן פאַרשטיי איך ניט, וואָס פאַר אַ נאַר וויל דיר געלט געבן? און וואָס פאַר אַ נאַר דו ביסט, פאַר ניט ווען נעמען.

לאַראַ: נו טאַקע, דאָס וויל איך אייך פרעגןº ווארום וויל ער ניט?

פּאַמפּיין: נו, איצט האָב איך אָפּגעגעסן. איצט, מאַרסאַל, וויל איך זאָלסט מיר געבן עטלעכע דאָלער. (ווייזט אויף די ביכער.) מאָרגן איז דער ערשטער, און מען מאַכט זיי צו מופּן.

מאַרסאַל: וועסט קיין פּעני ביי מיר ניט קריגן, אויב דו אַנטזאָגט!

לאַראַ: מאַרסאַל האָט אַ סומע געלט פאַר דיר, ווען דו שטימסט איין, און שרייבסט אונטער דעם קאָנטראַקט.

פּאַמפּיין: האָסטו דעם קאָנטראַקט מיט זיך?

מאַרסאַל: ווען דו ווילסט אָננעמען מיין פאָרשלאַג, האָב איך פאַר דיר פינף הונדערט דאָלער.

לודוויק: גאָט מיינער! פּאַמפּיין! פינף הונדערט דאָלער!

לאַרא: נקמה וויל ער נעמען. מיט דעם מיינט ער וועט ער זאַט זיין?

פּאַמפּיין: דו ביסט אַ לאַיער. אָבער דו מאַכסט אַ טעות, דו מיינסט אַז איך בין אין אַזאַ לאַגע, וועל איך זיך אונטערגעבן? קושן די בייטש וואָס האָט מיך געשמיסן? ניין, מארסאל, אומזיסט דיין מי.

מאַרסאַל (נעמט אַרויס אַ פּאַק מיט געלט)**:** זעסט, אויב דו ווילסט מיך פאָלגן? דאַן נעם דאָס געלט.

פּאַמפּיין: ווען דאָס געלט וואָלט געווען דיינס, וואָלט איך עס ביי דיר מיט געוואַלד צוגענומען, נאָר אַזוי ווי דאָס געלט איז פון דעם אָנקל אָפּצוקויפן מיין נשמה, טאָ נעם עס צו, ווען ניט צעברעקל איך עס אין פּיצלעך.

מאַרסאַל (כאַפּט דאָס געלט)**:** דאָס וועסטו ניט טאָן!

לאַרא: וואָס האָסטו זיך אַריינגענומען אין קאָפּ? ניט אַנדערש, ביסט משוגע געוואָרן.

פּאַמפּיין: איך בין גאַנץ קלאָר, און איך ווייס וואָס איך טו. זאָל דאָס אים זיין אַ לעסאָן, זאָל ער איצט וויסן ווי צו באַגיין זיך מיט אָנפאַנגער, מיט יונגע טאַלאַנטן.

מאַרסאַל: אָבער געדענק, וועסט האָבן טראָבל. קעגן מיין ווילן, וועל איך מוזן קעגן דיר אויפטרעטן. דאַרפסט וויסן, איך בין זייער לאַיער; און האָסט אַן אורזאַך פאַראורטיילט צו ווערן פאַר לאַיבל.

פּאַמפּיין: דאָס איזווירקלעך דאָס בעסטע פאַר מיר. מיינע קאַרטונס, אין דעם וויצן־בלאַט, וועלן זיין די שאַרפסטע וואָס איז ביז איצט ווען געווען.

מאַרסאַל: דאַן געדענק עס. איך פאַרלאָז דיך איצט. קום, לאַרא. איך האָב דיר געזאָגט, אַז אַזוי וועט זיך ענדיקן אונדזער באַזוך מיט אים.

פּאַמפּיין: קענסט גיין. דו ביסט פאַר דיין פּראָפעסיע אַן אויסגעצייכנ־טער. דיין פּראָפעסיע איז צו פאַרקויפן די נשמה, דעם געוויסן. גיי, מיר'ן זיך זען אין קאָורט.

מאַרסאַל: אָלרייט! אָלרייט! אַ ברירה וועט איר האָבן. (נעמט לאַראס מאַנטל אויף דער האַנט. בײדע אָפּ.)

פּאַמפּיין: האָב איך זיי פּיינט, די לאַיערס — דאָס זיינען פאַרקויפטע נשמות. זיי וועלן דיך דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער פאַרן דאָלער, גאָט, וואָס פאַר אַ טייוולשע פּראָפעסיע דאָס איז! ערשט איצט זע איך ווי אומגליק־לעך עס מוזן זיין לאַיערס, מיט מענטשלעכן געוויסן. קעגן זיין ווילן מוז ער גיין. ווי שרעקלעך דאָס איז! . . .

לודוויק: אָבער איך ווייס קיין זאַך ניט. דערקלער מיר, וואָס קומט דאָ פאָר? און וואָרום האָסטו דאָס געלט ניט געוואָלט נעמען?

פּאַמפּיין: די עטלעכע קאַרטונס, וואָס איך האָב אָפּגעדרוקט אין דעם וויצן־בלאַט, האָבן מיין אָנקל זייער געטראָפן. ווי איך האָב אויסגעפונען, האָט זיין פלי־פּאָסט פאַרלאָרן טויזנטער לייענער. נו, פאַרשטייסטו מיך צי דאָס איז די אורזאַך צי ניט? דענקט ער אַז מיינע קאַרטונס האָבן דאָס אָנגעטאָן.

לודוויק: און וואָס האָט מאַרסאַל צו טאָן מיט דיר?

פּאַמפּיין: ער איז אַ לאַיער פון דער „פלי־פּאָסט". הער זיך צו, לודוויק, קלייב צוזאַמען עטלעכע ביכער, פאַר וועלכע מע קען באַקומען עטלעכע דאָלער, מיר זאָלן האָבן צו באַצאָלן פאַר רענט, און איך וועל זיך נעמען צו דער אַרבעט.

לודוויק: וואָס רעדסטו? . . . די ביכער! . . . (ציטערט פון אויפרעגונג.)

פּאַמפּיין: אַז מען וועט מאַכן צו מופן, וועט זיין בעסער?

לודוויק: טו וואָס דו ווילסט!

פּאַמפּיין (נעמט אַרויס ביכער, מאַכט צוויי פּעקלעך. לודוויק גראַבט זיך איין אין בעטל): באַלד קום איך צוריק. (אָפּ)

לודוויק (הויבט זיך אויף, קוקט אויף די ביכער. פּלאַצט אויס אין אַ געוויין): יעדעס לאָך אין פּאַליצע איז אַ לאָך אין מיין האַרצן. (אַ קלאַפּ אין טיר. ער עפנט די טיר. לאַרא דערשיינט.)

לאַרא: איז פּאַמפּיין אַוועק?

לודוויק: יע, פאַר־קויפן. (פּלאַצט אויס אין אַ געוויין.)

לאַרא: וואָס איז מיט אייך? וואָס וויינט איר? איז דאָ עפּעס געשען? (דערשראָקן) וואו איז פּאַמפּיין? וואו איז ער אַוועק? . . .

לודוויק (ווייזט אויף די ביכער): פאַרקויפן!

לאַרא: פאַרקויפן די ביכער? (פּאַוזע) אין וועלכער קראָם ווייסט איר ניט? אַט, האָב איך געלט געבראַכט פאַר אים.

לודוויק: איר האָט געלט געבראַכט? דאַן קומט, מיר'ן אים נאָך אַניאָגן. ער איז ערשט אַרויס. (ביידע אָפּ.)

פּאַמפּיין (לויפט אַריין שנעל): ס'איז דאָ געלט, לודוויק! וואו ביסטן ערגעץ? אוודאי אַרויס ערגעץ, דער גולם. (נעמט פונאַנדער אַ פּעקל פּאַפּירן וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט. נו, איצט וועל איך אים ווייזן, מיין אָנקל. אַ שפּיז וועל איך פאַר אים איצט צייכענען . . . אויף דער פראָנט פּיידזש פון דעם וויצן־בלאַט מוז עס זיין . . . פאַרן קלענסטן פּרייז וועל איך עס פאַרקויפן. (זעצט זיך לעבן טישל. נעמט זיין צייכענונג־געצייג, מאַכט צייכענונגען. הויבט זיך אויף, באַטראַכט עס פון דער ווייטנס.) וואונדערבאַר . . . אויסגעצייכנט . . . אַך, וועט דאָס זיין . . . (לאַרא און לודוויק דערשיינען.)

לודוויק: פאַרקויפט, האַ?

פּאַמפּיין (ניט קוקנדיק אויף אים): יע, ס'איז דאָ געלט.

לודוויק: מיר זיינען דיך דאָך אַרומגעגאַנגען זוכן?

פּאַמפּיין: ווער? (דרייט זיך אום.) לאַרא, דו ביסט דאָ אויך? וואָס איז ווידער?

לאַרא: איך האָב דיר געבראַכט געלט. (גיט אים דאָס געלט.) נאָר צוואַנציק דאָלער. מער האָב איך ניט געקענט קריגן.

לודוויק: וויפיל, וויפיל האָסטו גענומען?

פּאַמפּיין: איך האָב עס פאַרזעצט פאַר זעקס דאָלער.

לודוויק: פאַרפיינט האָסטו גאָר? (כאַפּט אים אַרום קושן.)

פּאַמפּיין (שטופּט אים אָפּ): וואָס איז די פרייד מיט דיר, גולם?

לאַרא: ער האָט דאָך באַוויינט שוין די ביכער. (דערזעט דעם קאַרטון.) וואָס איז דאָס? ווידער אויפן אָנקל? . . .

פּאַמפּיין: דאָס איז ערשט אַן אָנפאַנג. דאָס וויצן־בלאַט וועט זיך באַ־לעקן פון דעם קאַרטון.

לאַרא: איך בעט דיך, (וויינט) איך גיי, טו וואָס דו ווילסט! (ביי דער טיר שטויסט זי זיך אָן אָן דאַנעטאַן.)

לאַרא: דאַנעטאַ, דו ביסט אויך דאָ?

פּאַמפּיין (שפּרינגט אויף): דאַנעטאַ? (גייט צו איר צו, זי שטייט ווי געליימט. (טרערן ווייזן זיך איר אין די אויגן.) דאַנעטאַ, וואָס איז מיט דיר? וואָס שווייגסטו?

דאָנעטא: איך קום צו די, אָרעמער אָבער מעכטיקער הערשער! ניין! וואָס זאָג איך אָרעמער — דו רייכער פון די רייכסטע . . . איך קום ביי דיר בעטן רחמים ניט אומצוברענגען מיין פאָטער. דער שטאָלצער צייטונג־מאַגנאַט בויגט זיך פאַר דיר. ער איז וויליק דעם גרעסטן פרייז דיר צו צאָלן. ער איז וויליק דיר געבן אַ טייל פון זיין ביזנעס, נאָר זאָג וואָס דו ווילסט!

פּאַמפּיין: וואָס איך וויל? ווייסטו דען ניט וואָס איך וויל? איצט וויל איך שוין מער גאָרניט! מיין פרייז האָב איך דאָ. דו ביסט מיין פרייז! . . . איך האָב געוואָלט באַרימט ווערן, אָבער ניט רייך ווערן, און דיין פאָטער האָט מיך ניט געלאָזן, האָט דיך צוגענומען פון מיר, און . . .

דאָנעטא: האָסט געליטן, איך ווייס! ווייל איך האָב אויך שטאַרק געליטן. דאָס קען קיין וואָרט ניט איבערגעבן. אָבער איצט?

פּאַמפּיין: צוליב דיר האָב איך אַלץ געענדערט. זעסט? (ווייזט איר אויפן קאַרטון.) דאָס וואָלט געווען נאָך אַ שפּיז, וואָס וואָלט דיין פאָטער געטראָפן אין ברוסט אַריין. אָבער איצט . . . (צערייסט עס.)

לודוויק: איך דאַנק דיר, גאָט!

פּאַמפּיין: דאָס איז מיין בעסטער פריינט, וואָס האָט געהאָלפן טראָגן מיין שווערע לאַסט אויף זיך. דאָס וואָלגערט זיך אַ פילאָזאָף, אַ פילאָלאָג, דורך אַזוינע ווי דיין פאָטער, אָבער איצט וועט זיך . . .

דאָנעטא (גיט די האַנט לודוויקן): איך דאַנק אייך, מיין ניי־באַקאַנטער פריינט פון מיין גרויסן ריטער.

לאַרא: גאָט, ווי גליקלעך איך בין! די גאַנצע וועלט איז מיר איצט ליב!...

דאָנעטא: גליקלעכער בין איך פון דער גאַנצער וועלט . . . איך בין די הערשערין פון דעם שטאָלצן ריטער! (נעמט אַרום פּאַמפּיינען, קושט אים.) מיין שטאָלצער ריטער!

(פ אָ ר ה א נ ג)

אין יענע טעג

אין יענע טעג

פּערזאָנען:

יענקל, דער באַלעבאָס, אַ יאָר 35, הויך, מיט שווארצע וואָנצעס און אַ שיטער בערדל.

באַרני, אַן ארבעטער, 17 יאָר, מיט אַ קאָפּ גרויסע האָר, הויך און דאַר. שרייבט לידער.

שרהקע, יענקלס ווייב, אַ יאָר 38, ניט קיין שיינע, אָבער ניט גאָר קיין מיאוסע.

ביילקע, אַ יתומה, יענקלס אַ פּלימעניצע, 17 יאָר, זייער אַ שיינע, אַ פולע פיגור.

פּאָליציי, נאַדזיראַטעל און פּאָליציאַנטן. צוויי חברים. קינד.

(צייט און האַנדלונג: ווייס־רוסלאַנד, יאָר 1905.)

(אַ גרויס צימער אויפן ערשטן שטאָק, מיט וואַרשטאַטן. געצייג הענגען אויף די ווענט: הובלען, זעגן, דלאָטעס א.אז.וו. ברעטער אָנגעשטעלט. עטלעכע פּאַרטיקע טישן, שטולן. הינטער דעם וואַרשטאַט, אָפּגעצאַמט מיט אַ פּאַרהאַנג, איז אַ שלאָפצימער. פון איין זייט אַ טיר, וואָס פירט צו דער קיך און צום הויף. פון אַן אַנדער זייט אַ טיר, וואָס פירט צו דער גאַס.)

באַרני: (פּאָליטירט אַ טיש און זינגט):

איך בין אַ קינד אין צער געוואַקסן, די שרעק און נויט אין מיינע אויגן;
איך האַס דעם יאָך פון שווערע לאַסטן, וואָס טרייבט מיך יונג אין יאָך געבויגן.
זיין וואָלט איך אַ פויגל וועלן, אין פרייען בלוי זיך לאָזן ציען,
אויף הויכע בערג זיך רוען שטעלן — און ווידער פריי אַן ציל וואו פליען...
איך טרוים פון בלויע האָריזאָנטן, וואו צייט און רוים גייט אומגעשטערט;
וואו האַס און יאָך ווערט ניט דערמאָנט; וואו האַס צום ייד ווערט ניט געהערט!
דאָרט טרוימען וואָלט איך מיינע לידער, און זינגען ווי די פייגל פריי;
אַ וועלט אַ גלייכע, אַלע ברידער, אין אַ וועלט אַזאַ — לעבן איז כדאי!

יענקל: זינג, זינג, פייגעלע, מען וועט דיך אין קלעטקעלע אַריינשטעלן. היט זיך, ייִנגעלע! פאָלג מיך, דו האָסט אַ גוטן קאָפּ, קענסט אַרבעטן, האָסט גוטע הענט — קלאַפּ אַרויס פון דיין מוח, קלאַפּ אַרויס! . . .

באַרני: ס'וועט אַ צייט נאָך אויפגיין, ס'וועט אַ צייט נאָך קומען,
ווען מענטש וועט האָבן אַ ווערד;
ווען זון אין טאָג וועט לייכטן, פאַר אַרבעטסמאַן דעם שטומען,
וואָס ווערט געטראָטן ווי ערד.

שרהקע: יענקל, לאָז אים צורו, לאָז צורו באַרנין, באַרני איז אַ פיינער בחור, אַן ערלעכער, גוטער בחור.

יענקל: ע, אַ גוטער בחור, זאָגסטו? נאָר איין זאַך, שרהקע, נאָר איין זאַך: מיט אַ מיידל וואָלט איך אים ניט געלאָזן ביינאַכט אַליין.

שרהקע: און דיר וואָלט איך אין מיטן העלן טאָג ניט געטרויט מיט אַ מויד!

יענקל: מיר? מיר ניט געטרויט? אַז איך האָב דיך, דאַרף איך קיין אַנדער מויד ניט! (נעמט זי אַרום און קושט זי.) מיין ווייבעלע, דו ביסט די בעסטע אין דער וועלט!

באַרני: אַלע פרויען זיינען אינטערעסאַנט און ציען די מענער . . .

יענקל: קוק אים אָן! קוק אים אָן! . . . ווי ער רעדט אויף פון פרויען! ווי אַלט ביסטו, באַרני? אַ, מער פון זיבעצן יאָר, אַ?

שרהקע: האָסט ערשט געזאָגט, וואָלסט אים ניט געטרויט מיט קיין מיידל, ביינאַכט?

באַרני: איך ליב מיידלעך! געוויס ליב איך מיידלעך! (זינגט):

די וועלט וואָלט אָן פרויען געווען, ווי אַ גאָרטן אָן בלומען,
ווי אַ וואַלד אָן קלאַנג, ווי די נאַכט מיט שרעקן שטום . . .

שרהקע: באַרני, ווען איך, יאָ, ווען איך וואָלט געווען אַ יונג מיידל, וואָלט איך זיך אין דיר פאַרליבט. נאָר איך האָב דיך האָלט סיי־ווי־סיי. (קוקט אויף ביילקען): וואָס זאָגסטו, ביילקע, איז ער ניט אַ שיין בחורל? אַ, ביילקע?...

ביילקע (פאַרשעמט, קלייבט צוזאַמען שטיקלעך ברעטלעך, שטופט אין הרובע. קוקט פון דער זייט אויף באַרנין, שמייכלט אין זיך.)

יענקל: האָב גאָר חתונה, באַרני. יאָ, געלט פאַרדינסטו גענוג פאַר אַ ווייב אויך. ווען איך האָב חתונה געהאַט, האָב איך אַזויפיל ניט פאַרדינט. ניין, ניט ווי דו!

באַרני (פאַררויטלגט זיך): ווער וועט מיך נעמען? איך בין נאָך צו יונג! (זיינע אויגן פאַלן אויף ביילקען.)

ביילקע (דערפילט זיינע בליקן אויף זיך, לאָזט אַראָפּ די אויגן פאַרשעמט. עס הערט זיך דאָס געוויין פון אַ קינד.) דאָס קינד! דאָס קינד וויינט!

שרהקע: דאָס קינד וויל עסן, עס וויינט שוין. (אָפּ הינטערן פאָרהאַנג.)

יענקל: באַרני, ווער האָט דיך געלערנט די גראַמען? די שיינע ווערטער? זעסט, מיט אַזוינע שיינע רייד, אַך, מיט אַזוינע שיינע רייד וואָלט איך מיידלעך געהאַט אויף די טוצן! יאָ, אויף די טוצן!

באַרני: כ׳ווייס ניט, כ׳ווייס אַליין ניט! ס׳קומט! אַזוי ווי פון קוואַל וואַסער; אַזוי ווי דער ווינט בלאָזט מיינע האָר, ווי דאָס קאָרן אין פעלד, אָדער די וואַלן אין טייך: עס רעדט זיך, עס גראַמט זיך, עס זינגט זיך: „טראַ־ראַ־לאַ־לאַ־לאַ!“ . . .

יענקל: אַזוי ווי דער בדחן שלום זעליק. ער רעדט אויך אין גראַמען: ס׳איז ווירקלעך שיין צו הערן, אַפילו ווען ס׳וויינט זיך, אַזוי טרויעריק! ס׳רירט דאָס האַרץ! . . .

שרהקע (פון הינטער די פאָרהאַנגען): יענקל, קום אַהערצוצו.

יענקל: איך גיי, איך קום. (אָפּ אַהינטער דער פאָרהאַנג.)

באַרני (לויפט צו צו ביילקען, דריקט זי צו זיך, קושט זי, אין דער שטיל): אַך, ביילקע, ווי איך האָב דיך ליב, ווי איך האָב דיך ליב! . . .

ביילקע: איך האָב דיך אויך ליב, באַרני. (גלעט אים די האָר.) האָב דיך שטאַרק ליב, זייער שטאַרק! (דריקט זיך צו אים.)

באַרני: כ׳קען אָן דיר ניט לעבן. טעג און נעכט ליגסטו אין מיין מוח, אין מיין האַרץ. איך פיל ווי דו ביסט מיין אָטעם, מיין נשמה! . . .

ביילקע (דריקט זיך צו אים): איך אויך, באַרני. איך אויך קען קיין נעכט ניט שלאָפן, טראַכטנדיק פון דיר. איך וואָלט דיך, איך וואָלט אימער וועלן זיין

מיט דיר, לעבן דיר, פילן דיך ביי מיין זייט. — דער פעטער קומט! (שפרינגט אָפּ פון אים.)

יענקל (קומט אַרויס פון הינטער דער פּאַרהאַנג): ביילקע, גיי קויף איין פּאַר וועטשערע. איך און שרהקע וועלן צוגיין צו דער שוויגער שפּעטער. דאָס קינד פילט ניט גוט. מיר מוזן זיך אַדורכשמועסן מיט דער שוויגער. אפשר צו אַ דאָקטאָר גיין? עס קרענקט צו אָפּט!

ביילקע: איך גיי גלייך, פעטער. (טוט זיך אָן אַ פּאַטשיילע. שטעלט אַריין דעם קאָפּ הינטער דער פּאַרהאַנג.) וואָס זאָל איך קויפן, מומע? וואָס ווילט איר?

שרהקע (עס הערט זיך איר שטימע הינטער דער פּאַרהאַנג): ברויט, פּוטער, הערינג, אַ שטיקל קאָלבאַסע קויף. יאָ, קויף צוקער, ביילקע!

ביילקע (נעמט אַרויס דעם קאָפּ פון פּאַרהאַנג): איר'ט געהערט, פעטער, וואָס זי וויל? וואָס מיר דאַרפן?

יענקל: געהערט, געהערט, ביילקע. (נעמט אַרויס זיין געלט־בייטעלע.) אָט, נאָ, ביילקע. אָט, האָסטו געלט. נאָ, גיי טו עס נאָר גיך; היידאַ!

ביילקע (נעמט דאָס געלט, קוקט אויף באַרנין מיט אַ באַהאַלטענעם ליבן שמייכל): יאָ, פעטער, שוין און גיך. (אָפּ.)

יענקל: אַ מויד אַ בראַנד. שיין און קלוג, אַזאַ יאָר אויף מיר. ווערט דאָס זיין אַ ווייב פאַר אימעצן. נאָר איין זאַך: עס פעלט איר אַ טאַטע, אַ טאַטן פעלט איר. אַך, וואָס פאַר אַ טאַטן זי האָט געהאַט! אַ „קופּעץ: צווייטע גילדע". עך, וואָלט ער איר נדן געגעבן! אַזאַ מויד, אַזאַ שיינהייט! . . .

באַרני: זייער אַ וואויל מיידל: זי'ט קריגן אַ חתן אָן געלט, אָן נדן! אַ שיין מיידל דאַרף קיין נדן ניט! ס'איז ניט אַמאָליקע יאָרן. היינט זיינען פּרויען מענטשן.

יענקל: אפשר האָסטו רעכט, באַרני? איבערגעלאָזן זעקס טעכטער, זעקס מוידן, און איז אוועק, אַוועק שלאָפן זיין אייביקן שלאָף. אַ יונגער מענטש, וואָלסט זען אַ יונג! קיין פולע פערציק יאָר ניט אַלט געווען. אַ „קופּעץ", מיט אַ וואונדער־שיינעם קאָפּ האָר, אַ שיין בערדל, מיט אַ פּאָר שוואַרצע, ברענענדע אויגן. אַלע פּרויען פלעגן אים נאָכקוקן: אַ כפּרה איינגעמען פאַר זיינע טריט!

באַרני: פון וואָס איז ער געשטאָרבן? איז ער קראַנק געווען? האָט אַן אומגליק געטראָפן מיט אים?

יענקל: אַ ראַק! אַ ראַק אין מאָגן! האָט אים אויסגעצערט! ביז דער לעצטער מינוט האָט ער זיך געראַנגלט מיטן טויט, נאָר דער טויט האָט אים ביינגעקומען. — איבערגעלאָזן זעקס יתומימלעך! די עלטסטע איז ביילקע: קיין פולע 17 יאָר נאָך ניט אַלט!

באַרני: און פון וואָס מאַכט זי אַ לעבן, די מוטער אירע, אָט, פאַר די איבעריקע קינדער? זיינען די אַנדערע קינדער מיט דער מוטער? אַ?

יענקל: ביילקע — מיט אונדז, און חנהלע — מיט איר באָבען פון דער מוטערס צד. חנהלע, איז אונטער ביילקען. די איבעריקע פיר, די קלענערע, זיינען מיט דער מוטער.

באַרני: פון וואָס דאָך מאַכט זי אַ לעבן? וואָס טוט זי, די מוטער? וואָס? — —

יענקל: ע, אויך אַ לעבן! זי פלעגט לעבן אין לוקסוס, מיט דינסטן, מיט קוטשערס, ווען מיין ברודער דער סוחר האָט געלעבט. איצט, איצט האָט

זי אַ „באַקאַליינע" (שפּייז) קרעמל. מאַטערט זיך פאַר די פיר קליינע קינדער־לעך. ניט קיין פּעאיק ווייבל איז זי — די מוטער! יאָ, ניט קיין פּעאיקע!

באַרני: שווער צו פאַרשטיין דאָס לעבן! ווען מען האָט נאָר גוטס וויל מען ניט גלויבן, אַז עס קען אַמאָל אויך שלעכט זיין! אַזוי איז דאָס.

יענקל: הערסט אַ מעשה, חכם מיינער, „אַז דער מענטש זאָל וויסן וואו צו געפינען און וואו צו פאַרלירן", וואָלט קיין אומגליק ניט געווען אויף דער וועלט! הע־הע־הע, אַ חכם!

באַרני (פאַליטירט און זינגט צו זיך):

גלאַנץ טישעלע, גאַלנץ טישעלע, פאַרגאַסן יעדן שפּעלטעלע;
נו, נאָך אַ ריב אַ ביסעלע, אין דרויסן ברענט אַ קעלטעלע.
דער שניי איז הויך, ווי זילבער ווייס, עס קריסטלט אין לבנה־שיין,
און איך, פאַרן אמת — רייס — מיין אָרעם האַרץ ביז טיפן פּיין.
נאַטור איז שטרענג ווי אַ טיראַן! ניט פאַלקאַם גאַטס מלאכה!
אַ וועלט מיט שרעק אויף יעדן שפּאַן, —
ווער ווייסט דעם אויבערשטנס הלכה?!

שרהקע (קומט אַרויס פון הינטער דער פאַרהאַנג, האַלט דאָס שלאָפנדיקע קינד אין אָרעם): איז ביילקע נאָך ניט געקומען? (עס הערן זיך טריט אויף די טרעפּן.)

באַרני: אָט, זי מוז דאָס קומען.

ביילקע (קומט אַריין מיט פּעקלעך עסנוואַרג): נו, אָט איז אַ הצלחה. ביי איינעם, אַלעס, און ביי אַ צווייטן . . . (צו באַרנין): באַרני, זייט אַזוי גוט און העלפט אַוועקשטעלן דעם טיש אין מיטן.

באַרני: גלייך. (נעמט דעם טיש אַליין און שטעלט אַוועק אין מיטן מאַסטערסקאַיאַ.) אַזוי, ביילקע? (קוקט מיט ליבע איר אין די אויגן.)

שרהקע: וואָלסטו אַ גוטער באַלעבעסל געווען, באַרני. — דו פאָלג מיך, ביילקע, הערסט ביילקע? זע האָב חתונה, מיט אַזאַ בחור ווי באַרני. פאַר אַ ווייב אַזאַ מאַן, איז אַ גליק ווי פון הימל . . .

יענקל: איז וואָס זשע, שרהקע, האָסטו עפּעס נדן פאַר איר? . . . וואָס וואָס מיינסטו עפּעס, אַזאַ איינער ווי באַרני וואַלגערט זיך אין גאַס? מיט אַזוינע הענט און מיט אַזאַ — — —

שרהקע: און ביילקע וואָס איז, מיינסטו, אַ?! אַזוינע ביילקעס וואַלגערן זיך אין גאַס? זע אַ מויד, אַזאַ יאָר אויף מיר! . . .

ביילקע (פאַרשעמט): אָ, מומע, אָ, מוטע, הערט אויף!

שרהקע: זע ווי זי רויטלט זיך! מען דאַרף זיך שעמען צו זיין אַ שיין מיידל? קוק זי נאָר אָן! זעסט, ביילקע, ווען איך וואָלט געווען אַזוי שיין ווי דו, וואָלט איך מיט דיין פעטער ניט חתונה געהאַט!

ביילקע: איר מיינט עס ניט, מומע! (לייגט לעפל, גאָפּלען אויפן טיש.)

יענקל: גלויב איר ניט, ביילקע, זי האָט זיך מיר אין ליבע דערקלערט! ניט אמת, שרהקע?

שרהקע: נו געוויס, וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? ווען איך וואָלט געווען ווי ביילקע . . .

ביילקע: הערט אויף מומע! קומט עסן. (צעלייגט ברויט, שניידט דעם הערינג, דעם וואורשט.)

יענקל (וויל זיך זעצן.)

ביילקע: ניין, פעטער, איינוואַשן זיך! וואַשט אָפּ די שמוציקע הענט. און איר אויך, באַרני, איר הערט?!

יענקל: קוק זי נאָר אָן! דו האָסט נאָך מיט אים ניט חתונה געהאַט. זע, זי באַסעוועט שוין מיט אים. (נעמט וואַסער פון אַ הילצערנעם עמער און וואַשט די הענט.)

שרהקע: וואַש זיך די הענט און רייד ווייניקער, זעסט דאָס וואַסער ווי שמוציק אין פאַמוניצע? איז ביילקע ניט גערעכט? (זיי וואַשן זיך.)

באַרני (אין שפּאַס צו ביילקען, ווייזט איר די הענט): מאַדאַם, אַזוי איז גוט?! (אַלע לאַכן. מע זעצט זיך עסן.)

שרהקע: מאָרגן וועל איך שוין קאָכן וועטשערע. דאָס קינד פילט זיך שוין בעסער, וועל איך גיין איינקויפן אין מאַרק!

יענקל: דו דענקסט, אַז דאָס איז שלעכט עסן, שרהקע? האָסטו אַ טעות! ווי זאָגסטו, באַרני, איז אַ שטיקל קאַלבאַס שלעכט פאַר וועטשערע?

שרהקע: וועטשערע פאַר אַן איבערבייט איז ניט שלעכט, נאָר מען דאַרף עפּעס הייסעס, געקאָכטס, פאַרשטייסטו, מיין מאַן?!

יענקל: געוויס אַ הייסעס, אָט, אַ גלעזל טיי, ביילקע. איז דער סאַמאָוואַר פאַרטיק?

ביילקע: אָט ברענג איך אים גלייך אַריין, פעטער! (גייט אין קיך, ברענגט אַריין דעם סאַמאָוואַר. עס שלאָגט פון אים אַ פּאַרע. שטעלט אים אויפן טיש.)

יענקל (רייבט זיך די הענט): נו, אָט האָסטו וואַרעמס אויך, שרהקע! אַ גלעזל טיי איז בעסער ווי וויין. בעסער ווי ווין ביי מיר!

שרהקע: ווייל דו האָסט קיין וויין ניט, איז טיי בעסער!

באַרני (קוקט נאָך ביילקען. קוקט אויף איר פרישן בוזעם, די רונדקייט פון איר קערפּער מאַטערן אים. ער שלינגט זי מיט די אויגן.)

יענקל (באַמערקט עס. ער ווינקט צו אים): אַ פיין שטיקל מעבל — אויסגעטאָקט! . . .

באַרני (שמייכלט און שוויגט.)

שרהקע: ביילקע, זיי אַזוי גוט און לייג אַוועק דאָס קינד אין וויגעלע. זע, ווי עס שלאָפט אַזוי רואיק. (קושט עס.)

ביילקע (נעמט דאָס קינד, טראָגט עס הינטער די פאַרהאַנגען.)

שרהקע: וואָס פאַר אַ גאָלדן קינד דאָס איז: שטיל ווי אַ טויב, און גוט ווי אַ מלאך! אַ צירונג אין הויז! נו, יענקל, גייסט צו דער מאַמען? איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז מיר קומען היינט ביינאַכט. שוין ניט געזען זי חדשים. זי פילט זיך ניט אַמבעסטן. די אַסטמע מאַטערט זי אויס. איך וויל אויך פרעגן ביי איר אויפן קינד!

יענקל: און וואָס מאַכט דער שווער? זי יאָדעט אים נאָך אַלץ?

שרהקע: הער אויף, הער אויף, זי איז אַ קראַנקע פרוי.

יענקל: דאַרף זי אים יאָדען? ווען איך קום אַריין, יאָדעט זי אים, שילט מיט ביטערע קללות. ע, אַ יידענע; אַ קאַזאַק איז זי! . . .

שרהקע: וואָס נעמסטו זיך אָן פאַר מיין טאַטן? אַ?

יענקל: ווער דען זאָל פאַר אים זיך אָננעמען? אַז די טאָכטער נעמט זיך ניט אָן, נו, מוז דער איידעם זיך אָננעמען פאַר אים! . . . הע, האָסט געהערט?!

באַרני (פאַרטראַכט, פייקלט מיט די פינגער אָן טיש און דעקלאַמירט):

וואָס איז גאָר דאָס לעבן? דאָס לעבן האָט אַ ציל!

לעבן איז נאָר וועבן, אין האַנט פון גאָט אַ שפּיל.
פּרעמדע, אומבאַקאַנטע, — עס טוט אין האַרץ אַ בריי;
באַלד ווי איינגעשפּאַנטע, ווי איינע: ער און זי . . .
עס האָט נאַטור באַפעלן, די מיסטעריע פון ווייב:
אימער מאַן זאָל וועלן, געניסן פון איר לייב! . . .
גיסט זיך וויין אין בעכער, מיט פּאַטאַס־אויג דאָס גליק;
ס'וואַקסט דער טרוים אַלץ העכער, אַזש האַרץ פאַרדריקט מיט גליק...
ווערט דאָס קינד געבאָרן, אָן אַפּשאַץ ווערט, די ווערט: —
ליכט אין הויז געוואָרן, — גן־עדן אויף דער ערד! . . .

שרהקע (גייט צו צו באַרנין, גיט אים אַ קוש אויפן שטערן): **דאָס איז פאַר דיר, פאָטע!**

ביילקע (קומט אַריין פון שלאָפצימער, קוקט אויפן ליידיקן טיש): **האָ, די מומע וואָשט שוין דאָס געשיר!**

יענקל: ניט געפערלעך, זי וועט פון דעם ניט מפּיל זיין, **איך פאַרזיכער דיר, ביילקע.**

ביילקע: **אָבער — — —**

יענקל: וואָס אָבער, האָסט וויניק געאַרבעט היינט? רו זיך אָפּ אַ ביסל, ביילקע.

ביילקע: באַלד גיי איך שלאָפן, פעטער, וועל איך זיך אויסרוען.

באַרני (נעמט אַרויס אַ ביכל פון זיין שטרויענעם קעסטל, זעצט זיך לעבן דער הרובע און לייענט.)

יענקל: אַך, באַרני, דיר איז גוט. האָסט געדולד צו לייענען: פאַרשווינדסט אין ליבע־וועלטן. אין דיינע יאָרן איז די וועלט שיין. טרוימען, טרוימען! . . . איך האָב אויך געטרוימט, געחלומט! דו ווייסט, באַרני, הייראַטן מוז מען, ווען מען איז יונג און פאַרליבט! דאַן איז מען גליקלעך. מען הייראַט דאָס מיידל וואָס מען וויל, דאָס מיידל וואָס צום האַרצן. דאַן איז לעבן. ס'איז ווערט צו לעבן. שיין דאָס לעבן, צו ליבן אַ מענטשן איז, ווי דו זאָגסט: איז ווי אַ שיין ליד; ווי אַ בלום פאַר די אויגן; ווי אַ פרימאָרגן אין פרילינג . . .

באַרני: יענקל, אַ, יענקל, איך האָב דאָס פון אייך גאָרניט דערוואַרט! . . .

יענקל: קוקנדיק אויף דיר, פּלוי איך אַוועק אין מיין פאַרגאַנגענהייט.

ביילקע (גייט אָפּ אין קיך.)

יענקל: ווען איך בין געווען יונג, אין דיינע יאָרן, האָב איך אויך געהאַט אַ מיידל. מיר'ן זיך זייער שטאַרק געליבט. זי האָט זיך געבעטן, מיר זאָלן חתונה האָבן. דאַן איז געקומען דער פּריזיוו. מען האָט מיך צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט. פאַרן אָפּפאָרן, האָט זי זיך מיר איבערגעגעבן . . . זי האָט זיך מיר איבערגעגעבן! . . . איך וועל זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן . . איר לייב איז געווען ווייס; אירע קושן האָבן געברענט. — ביסט שוין ניט קיין ייִנגל, באַרני, איך רייד צו דיר ווי „מאַן צו מאַן“! חתונה צו האָבן מיט איר איז געווען צו שפּעט. אין דער פרי געמוזט אָפּפאָרן . . . פון דאַן אָן איז זי מיר געוואָרן נאָך טייערער און ליבער.

באַרני: און וואָס איז דער סוף געוואָרן? מיט איר מיין איך.

יענקל: זי האָט געשריבן, זי האָט פאַרשווּנגערט: זי גייט האָבן אַ קינד.

באַרני: און וואָס? (רוקט זיך נעענטער צו צו יענקלען.) יאָ, וואָס?

יענקל: איך האָב איר געשריבן, ווען איך וועל קומען פאַר אורלויב, וועל איך מיט איר, פאַרשטייט זיך, חתונה האָבן.

באַרני: יאָ, יאָ, און וואָס?

יענקל: ווען איך בין געקומען אַהיים, איז זי געווען טויט!

באַרני: וואָס הייסט? (שטעלט זיך אויף פאַראינטערעסירט.) וואָס? וואָס האָט געטראָפן?

יענקל: וואו איך האָב געדינט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מיידל, זי האָט זיך אויך איינגעליבט אין מיר.

באַרני: אַלע פאַרליבן זיך אין אייך! וואָס האָט איר, אַ צויבער אין אייך?!

יענקל: כ׳וויס אַליין ניט! נאָר הער זיך צו: איך האָב דער מיידל געזאָגט, איך האָב שוין אַ געליבטע, אַ כלה! און איך וועל מיט איר חתונה האָבן. איך האָב זי ליב. זי האָט צוגעלקחנט אַ בריוו פון מיין מיידל מיט איר אַדרעס. זי האָט איר געשריבן, אַז איך האָב מיט איר חתונה געהאָט! . . .

באַרני: אָ, און וואָס, יענקל? (בייסט די נעגל.)

יענקל: ווען איך בין געקומען אַ היים, האָט יעדער מיך אָנגעקוקט, אָנגעקוקט מיט האַס און פאַראכטונג. מיינע אייגענע עלטערן, מיינע שוועסטער און ברידער. מען האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר, — ווי פון דעם טויט אַליין! וואָס? האָב איך געטומען פרעגן. פאַרוואָס קומט עס מיר? מיין מוטער האָט זיך צעוויינט און אַלץ מיר אויסגעדערציילט. קענסט פאַרשטיין ווי איך האָב געפילט. כ׳בין געפאַלן אין חלשות. ווען איך בין געקומען צו זיך האָב איך געוויינט ווי אַ קינד! . . .

באַרני: ווי אַזוי? וואָס? וואָס האָט פּאַסירט? . . .

יענקל: נאָכן בריוו, וואָס זי האָט דערהאַלטן, איז זי ווי משוגע געוואָרן, האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ אין מיטן גאַס. זי האָט אין קורצן געדאַרפט האָבן דאָס קינד. — אין דעם זעלבן טאָג האָט זי זיך דערטרונקען! . . . (ער ווישט די אויגן.)

באַרני (שטעלט זיך אויף): אָ, מיין גאָט! ווי שרעקלעך! דער בריוו האָט זי געטויט! . . .

יאַנקל: דער בריוו האָט זי געטויט! . . .

באַרני: און דאָס מיידל? כ׳מיין די צווייטע, וואָס האָט דעם בריוו געשריבן? . . .

יאַנקל: ווען איך בין צוריקגעקומען, איז דאָס מיידל שוין פון שטאָט אַוועק! ווי דו זעסט, דאָן איז שרהקע געקומען. זי איז אַ כיטרע ווייבל, ווי דו זעסט, זי איז קיין נאַר ניט: מיט קונצן, מיט דריידלעך. זי האָט מיך חתונה געמאַכט! . . . פאַרשטייסט, זי האָט מיך חתונה געמאַכט! . . .

באַרני (פאַררייכערט אַ ציגאַרעטל, שפּאַנט הין און צוריק, זעצט זיך לעבן הרובע. פאַרטראַכט זיך. די מעשה האָט אים צעטומלט און גערירט! רעדט ער צו זיך):

גייט דער טויט אין פרילינג־גאָרטן, טרעט די בלומען נאָך ניט רייף;
קנאָספּן נאָך ניט צעעפנט דאָרטן און די בעבערלעך נאָך שטייף!
שניידט ער אָפּ אומרייפע בלומען, וואָס וואָלט אין בליאונג באַלד צעבליט!
בין, וואָלט האָניק פון איר גענומען—האָט טויט צעטראָטן מיט זיינע טריט!...

יענקל: יאָ, טויט האָט צעטראָטן! — די אומרייפע בלום! (ביילקע, שרהקע קומען אַריין.)

ביילקע: וואָס רעדט איר דאָ, מאַנצבילן? מומע, ווען זיי בלייבן אַליין, רעדן זיי נאָר פון פרויען! . . .

שרהקע: די וועלט איז פאַר מענער! און די פרויען זיינען פאַר מענער! וואָס קען מען טאָן?

באַרני: ליבט מען ניט די פרויען? ווילן זיי ניט געליבט ווערן?

שרהקע: ווי נאָר מיר הייראַטן, פאַרלירן מיר אונדזער נאָמען; דאָס איז די ערשטע זאַך!

יענקל: איר פאַרלירט דעם נאָמען און געווינט קינדער און געווינט אַ היים!

באַרני: וואָס איז דער אונטערשייד, ווער ס׳געווינט? ווער ס׳פאַרלירט? אויב ס׳זיינען דאָ פרויען, אויב ס׳זיינען דאָ מענער? מענער ווילן פרויען, פרויען ווילן מענער. אַזוי איז די נאַטור: פרויען ווילן האָבן קינדער. נאָר ס׳איז וויכטיק, מאַן און פרוי, וואָס האָבן חתונה, זאָלן זיך ליבן. דאַן איז נאַטור אַ שותף צו זייער גליק! . . .

ביילקע (קוקט אויף באַרנין מיט ליבע און באַוואונדערונג. זעצט זיך לעבן הרובע, וואַרפט שטיקלעך האָלץ.)

שרהקע: יאָ, ס׳איז אמת, איך האָב זיך דיר אין ליבע דערקלערט. ביסטו אומצופרידן מיט מיר? . . .

יענקל: ניין, שרהקע! איך בין זייער צופרידן מיט דיר: ביסט אַ קלוגע, אַ געראָטענע, ווייסט ווי אַרומגיין מיט אַ מאַן. און אימער אויף דיין זייט! . . . דיין וועג! אָבער זייער פיין און קלוג! מאַכסט מיין היים פון רו, צופרידנקייט; מאַכסט פאַרגעסן מיין פאַרגאַנגענהייט, און איך בין דיר דאַנקבאַר דערפאַר; דו ביסט אַ גוטע, קלוגע פרוי!

שרהקע: דאַנק דיר, יענקל: איך ווייס איך בין ניט קיין שיינע, דאָס גיב איך דיר צו, ווי דו אַליין זאָגסט: אַ גוטע און אַ קלוגע . . . אָט טאַקע דערפאַר האָב איך זיך דיר דערקלערט אין ליבע, דו זאָלסט מיט מיר חתונה האָבן. האָסט מיר דערציילט פון דיין פאַרגאַנגענהייט. איך האָב געוואוסט, אַז דו ביסט דער מאַן פאַר מיר! האָב געוואוסט ווי דיך צופרידן צו שטעלן! . . . זאָלסט וויסן, צו זיין אַ ווייב דאַרף מען האָבן שכל . . . טאַקע און טאַלאַנט! . . .

יענקל: דאָ ליגט דיין קלוגשאַפט, שרהקע. איך רעספּעקטיר דיך און האָב דיך אָנגעהויבן צו ליבן . . . יאָ, ביסט איינגעוואַקסן אין מיר און איך דאַנק דיר פאַר חתונה האָבן מיט מיר! . . .

ביילקע (קושט שרהקען און יענקלען): ווי איך האָב אייך ליב. איר זייט מיר אַזוי טייער, איך וועל אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דער עיקר, דער מומען. איר זייט קלוג, גוט און שיין אין מיינע אויגן: ביי מיין מאַמען האָב איך אַזאַ גליק ניט געפונען. זי האָט אימער פאַרלאַנגט פון מיין טאַטן; מער און מער! ווער ווייס, אפשר האָט זי אים אין דער ערד געלייגט? אפשר?! נאָר זי פלעגט אים נעגען, מאַטערן. דערפאַר, נאָך זיין טויט, בין איך געווען גליקלעך צו גיין צו אייך: ברויט עסן, אַרבעטן, אַבי אַוועק פון מיין מאַמען! אָ, מומע, איר זייט מיר טייערער פון מיין מאַמען! (דריקט זיך צו איר און קושט זי.)

שרהקע (קושט ביילקען אוןווישט די אויגן): דו ביסט ביי מיר ווי מיין אייגן קינד, סיי־ווי־סיי! . . .

באַרני (שפּרייזט אַרום אַ צעטומלטער, דעקלאַמירט צו זיך):

ניט רייכקייט, ניט זאַט, ניט שיינע פּאַלאַצן,
ניט זיידענע קליידער, ברענגט ליבע און רו;

טאַקט פון דער פרוי, וואָס ווייס ווי אַפּשאַצן —
דיין גליק איז מיינער, און מיינער איז דו! . . .

יענקל: זייט איך בין פאַרהייראַט צו דיר, בין איך רואיק, צופרידן. איך קען מיט דיר זיצן שעה'ן און שעה'ן, רעדן און רעדן און ניט מיד ווערן; ניט ווערן לאַנגווייליק. איך פלעג ניט קענען זיצן לאַנג אויף איין פלאַץ; יעדע קלייניקייט פלעגט מיך אויפרעגן, אויפקאָכן. אומרואיקייט איז געווען מיין גאַנצער וועזן. ווייכן פון מענטשן. איך האָב אַפילו אַנגעפּאַגעגען האַסן מענטשן: מערסטנס פרויען. דערפאַר בין איך דיר דאַנקבאַר פאַרן צוריקקערן מיין זעלבסטשטענ־דיקייט . . . דו האָסט געקראָגן וואָס דו האָסט געוואָלט. האָסט מיר פאַרשפּראָכן און געהאַלטן דיין פאַרשפּרעכן, אַז דו וועסט מיר מיין לעבן איינאָרדענען צו מיין צופרידנהייט! ווער האָט דאָס געגלויבט, אַז דו וועסט מיר געבן רו און גליק? אַז איך וועל רעדן פון מיין פאַרגאַנגענהייט, זאָל איך זען אין דיר מיין פריינט און חבר! אַז דער וועג פון אונדזער לעבן זאָל זיין אַזוי שיין, אינערלעך, מער ווי אויסערלעך: אָן באַפּוצונג, מיט שיינע ווערטער . . . (קושט זי.) איך דאַנק דיר! . . .

ביילקע (גייט אַרויס אין קיך מיט פאַרוויינטע אויגן.)

באַרני (קערט אָפּ דעם קאָפּ, ווישט זיך די אויגן.)

שרהקע: ווי ס'וויזט אויס, יענקל, ווילן מיר היינט ניט גיין געוואָר ווערן צו דער מאַמען, און פרעגן איר וועגן קינד!

יענקל: מיר וועלן יאָ גיין. מיר וועלן יאָ גיין! (גייט אַריין הינטערן שלאָפצימער. אָפּ.)

שרהקע: איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל אים ברענגען צו זיך. ווייסט, באַרני, אַז איך האָב אים געהייראַט ניט אויס ליבע, נאָר צו האָבן אַ מאַן! יעדע פרוי מוז האָבן אַ מאַן און קינדער. מיין קערפּער האָט דאָס פאַרלאַנגט. — אַ קינד! איך בין שוין ניט יונג געווען, האָב ניט געוואָלט קינדער פאַרזיצן. מיין קערפּער האָט דאָס פאַרלאַנגט: אַ קינד! קינדער האָב איך געוואָלט! איך בין פאַר דאָס באַשאַפן. צוויי קינדער זיינען ביי מיר געשטאָרבן. און איך וועל נאָך האָבן קינדער: ווייל איצט ליב איך אים. פריער איז נאָר געווען אַ פראַגע פון אַ מאַן! אָבער איצט וויל איך די קינדער פון אים. ער איז אַ פּראָסטער מענטש, ניט אויסגעפּאָליטירט, ווי דו! נאָר אַ גוטער, ערלעכער, האָרעפּאַשנער מענטש. איצט ווייס איך אַז ער ליבט מיך אויך. ווען ער באַרירט מיך פיל איך עס . . . ניט ווי אַמאָל, מעכאַניש־צופרידנגעשטעלט — און גאָר! . . . ער האָט מיר ניט קיין קוש געטאָן, אין זיין גרעסטען עקסטאַז! אַ מאַשין, מעכאַניש! איך האָב געוואוסט אַלץ, נאָר מיין מלאכה איז געווען צו ברענגען אים צו מיר, ניט ווי אַ פרעמדן צו מיר, נאָר אַ געליבטן מאַן. און, ווי דו זעסט, איז דאָס מיר געלונגען . . .

באַרני: איר זייט אַ וואונדערבאַרער מענטש, שרהקע. יעדער מאַן מוז ליבן אַזאַ פרוי ווי איר זיינט. נאָר אַזוינע זיינען ווייניק פאַראַן! ביילקע האָט מיר דערמאָנט מיין אייגענע צרות. מיין מאַמע איז אויך אַ נעגע . . . מיין טאַטע — אויך אַ טרוימער ווי איך. זי מאַכט פון אים חוזק, אַז ער איז אַ לאַ־יצלח, פאַרשווענדט זיין צייט אין שרייבן לידלעך; אין מעשה־ביכלעך. זי טרייבט אים צו גיין טאָן זאַכן, וואָס זיינען ניט צום האַרצן. זי טראַכט ניט פון זיין קענטעניש, פון זיינע וואונדערבאַרע געדאַנקען! ער האָט געוואָלט איך זאָל זיך גיין לערנען און זי האָט מיך געמאַכט פאַר אַ סטאָליער. איר זעט, איר זייט

אַן אויסנאַם! איך קום צום געדאַנק: זייער ווייניק פרויען ווי איר זיינען פאַראַן; זייער, זייער ווייניק! . . .

יענקל (קומט אַריין מיט שרהקעס מאַנטל, אַליין אַנגעטאָן אין זיין מאַנטל): נאַ, שרהקע, טו זיך גלייך אָן און קום! (העלפט איר אָנטאָן דעם מאַנטל.)

שרהקע:ביילקע, קום אַהער. מיר גייען אַוועק פאַר אַ קורצער צייט. (ביילקע דערשיינט, בלייבט שטיין אין טיר.)

ביילקע: גייט, גייט געזונטערהייט, מומע. איך וועל אַכטונג געבן אויף דעם קינד.

שרהקע: איך קום גלייך צוריק. מיר'ן נאָר זען וואָס סע מאַכט מיין מאַמע. דו, באַרני, גייסט ערגעץ, אָדער שטייסט היינט אין דער היים?

באַרני: איך וועל זיין דאָ ביז איר וועט צוריקקומען. איך וועל ניט לאָזן ביילקען אַליין.

יענקל: מאַך זי נאָר ניט שיכור מיט דיינע לידער און שיינע ווערטער . . .

שרהקע: בעסער מיט שיינע ווערטער, איידער מיט בראָנפן . . . (ביידע אָפּ. לאַנגע פּאַוזע.)

ביילקע: מיין טאַטע איז געווען אַ גוטער מענטש, פּונקט ווי מיין פעטער יענקל. מיין טאַטע איז געווען אַ וועלט־מענטש. ער האָט זייער געליבט מיין מאַמען. נאָר זי, זי פלעגט אים דערגיין זיין לעבן. פון יעדער רייזע פלעגט ער איר ברענגען מתנות און זי פלעגט זיי אים וואַרפן אין פּנים אַריין, מאַכן צו גאַרניט זיינע געשאַנקען, מאַכן צו גאַרניט זיין גוטסקייט; פלעגט אים מאַכן קליין אין די אויגן פאַר אונדז, קינדער. פיל מאָל פלעג איך וויינען פון זיין איינזאַמקייט, פון זיינע זיפצן. ער פלעגט זאָגן צו מיר: ווען ניט פאַר אייך, קינדער, וואָלט איך גאַרניט געוואָלט קומען אַהיים. אַ היים, פלעגט ער זיפצן: אַ גיהנום! און איך האָב אים אַזוי געליבט. אָ, טייערער טאַטע מיינער. (וויינט.)

באַרני (גייט צו איר צו, דריקט זי צו זיך. קושט איר אין קאָפּ. זעצט זיך מיט איר ביים הרובע. ער זעצט זי צו זיך אויפן שויס. דריקט זי ווידער צו זיך): טייערע מיינע, ווי איך האָב דיך ליב. (קושט זי נאָך און נאָך.)

ביילקע: איך האָב דיך אויך ליב, באַרני, ליב ווי מיין לעבן. (דריקט זיך צו אים.)

באַרני: וואָלסטו וועלן מיט מיר חתונה האָבן, ביילקע? מיר זיינען ביידע יונג און אומדערפאַרן . . .

ביילקע: אָ, באַרני! (כאַפּט אים אַרום, דריקט זיך צו אים. עס הערן זיך שווערע טריט קומען.)

פּאָליציי (קומען אַריין. מען גייט צו צו באַרנין, מען נעמט אים פאַר די הענט.)

נאַדזיראַטעל: באַרני דימאַוו?

באַרני: יאָ, דאָס בין איך.

נאַדזיראַטעל (צו די פּאָליציאַנטן): זוכט!

פּאָליציאַנטן (זוכן אין זיין שטרויענעם קעסטל. נעמען אַרויס עטלעכע ביכלעך, גיבן זיי צום נאַדזיראַטעל.)

ביילקע (שטייט אַ דערשראָקענע, אַ צעטומלטע.)

נאַדזיראַטעל: און די פּראָקלאַמאַציעס?

פּאָליציאַנטן: „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ", ניטאָ! ניטאָ! דאָס גאָר, וואָס מיר האָבן געפונען. דאָס גאָר. וואַשע — —

נאַדזיראַטעל: ס'מוז זיין דאָ! דער שפּיאָן זאָגט, אַז ער האָט די פּראָקלאַמאַציעס. זוכט, זוכט!

פּאָליציאַנטן (גייען הינטער דער פּאַרהאַנג. רייסן אַרונטער די פּאַרהאַנג. עס זעען זיך צוויי בעטן, אַ וויגעלע, וואו דאָס קינד ליגט. דערנאָך גייען זיי אין קיך. עס הערט זיך ברעכן פון געשיר.)

נאַדזיראַטעל (צו באַרנין): וואו זיינען די פּראָקלאַמאַציעס? (שרייט.) וואו זיינען זיי? (גיט אים אַ פּאַטש.) ענטפער, וואו?

באַרני: כ'ווייס ניט וואָס איר ווילט?

נאַדזיראַטעל (גיט אים ווידער אַ זעץ אין פּנים): דו ווייסט! איך וועל דיר די נשמה אַרויסזעצן, זאָג!

(דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט און וויינט אין שרעק)

ביילקע: אוי, דאָס קינד! (גייט צום קינד און פאַרוויגט עס.)

פּאָליציימאַן: „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ", גאַרניט, גאַרניט געפונען. „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ"!

נאַדזיראַטעל: לאָזט אים אָפּ, דעם שמוציקן זשיד! מיר'ן אים פּאַקן פריער אָדער שפּעטער! . . . קומט! (שפּייט אויף באַרנין.) מיר'ן דיך פּאַקן, זשיד פּאַרכאַטי! (גייען אַוועק.)

ביילקע (לויפט צו צו באַרנין אַ דערשראָקענע): אוי, באַרני, וואָס טוט זיך דאָ? וואָס ווילן זיי פון דיר, טייערער? ווי בלייך דו ביסט! זאָג, וואָס זוכן זיי?

באַרני (שווייגט פאַרטראַכט, שמייכלט): הע־הע־הע! טייוואָלים! שמוציקער זשיד רופן זיי מיך!

ביילקע: זאָג, באַרני, זאָג, וואָס האָבן זיי געזוכט? וואָס ווילן זיי?

באַרני: זיי וועלן קיינמאָל ניט געפינען; זיי וועלן קיינמאָל ניט געפינען!

ביילקע: זאָג, טייערער, וואָס וועלן זיי ניט געפינען? וואָס?

באַרני (מיט אַ שמייכל): זיי ניט אומרואיק, ביילקע, זיי ניט אומרואיק!

ביילקע: וואָס ווילן זיי פון דיר? וואָס זוכן זיי?

באַרני: שרעק זיך ניט! קיין גנב בין איך ניט! קיין געגנבעטע זאַכן ניט!

ביילקע: אָבער דאָך, וואָס ווילן זיי?

באַרני: אומלעגאַלע ליטעראַטור! פאַרבאָטענע ליטעראַטור! דאָס וואָס זיי ווילן. נאָר אַ קרענק וועלן זיי קריגן! . . .

ביילקע: אוי, וואָס זיי האָבן צעטאָן אין שטוב! אַזש געהרגעט זאָלן זיי ווערן! זע וואָס זיי האָבן געמאַכט פון די פּאַרהאַנגען! אַלץ צעשליידערט, צעוואָרפן — אַז וואָרפן זאָל עס זיי — (קלייבט צוזאַמען, צעשעטעלט די צעוואָרפענע זאַכן. צעשעטעלט זיי אויפן זעלבן פּלאַץ.) אוי, אוי, וואָס זיי האָבן געמאַכט פון דעם בעטגעוואַנט! אוי, די מומע וועט דאָס ניט איבערטראָגן! . . .

באַרני: כ'האָם היינט געדאַרפט אַוועקגיין, נאָר כ'וועל דאָס ניט טאָן. איך וועל דיר העלפן צעשטעלן אַלץ אין פּלאַץ, אַז דיין מומע וועט דאָס גאָרניט באַמערקן! (ער צעשטעלט אַלץ אויף די זעלבע פּלעצער. הענגט אויף די פּאַרהאַנגען. אַלץ ווי געווען.)

ביילקע: דאַנק גאָט, וואָס די מומע איז דאָ ניט געווען: זי וואָלט שטאַרבן וועגן דעם, באַרני! זיי טאָרן דאָס ניט וויסן, הערסט?!

באַרני (טוט זי אַ שלעפּ, דריקט זי צו זיך מיט ליבע. קושט איר אין פּנים.) פּאַר שרעק! פּאַר שרעק וואָלט זי שטאַרבן! פּאָליציי, גאָט מיינער! ניט אַ וואָרט

טייערע ביילקע! נאַרעלע, ניט פאַר גנבה זוכט מען מיך, ניט פאַר שלעכט טאָן אימעצן. מען זוכט ליטעראַטור, שריפטן, וואָס קלערט אויף דאָס פאַרשקלאַפטע רוסישע פאָלק; אויך דעם יידן, צו העלפן זיך באַפרייען פון פאָגראָמען, פון יידן־האָס! האָסט געהערט ווי זיי האָבן מיך גערופן: זשיד פּאַרכאַטי! שמוציקער ייד! יע, היינט שיער, שיער ניט אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט! . . .

ביילקע: און וואָס וואָלטן זיי דיר געטאָן, ווען זיי געפינען, כ׳מיין וואָס זיי זוכן?

באַרני: וואָלט טאַקע שלעכט געווען. אפשר סיביר?!

ביילקע: רעד ניט, רעד ניט, איך וואָלט משוגע געוואָרן! היט זיך, טייערער! . . .

באַרני: ביילקע, זאָג, ווען מען שיקט מיך אַוועק קיין סיביר, כ׳מיין ווען זיי וואָלטן מיר געפּאַקט, וואָלסטו מיטגעגאַנגען מיט מיר? זאָג, ביילקע!

ביילקע: אין עק פון דער וועלט וואָלט איך מיטגעגאַנגען מיט דיר. וואָס פרעגסטו אַזוינע פראַגעס? ער פרעגט. ווי וואָלט איך אָן דיר געקענט לעבן? דאַנקען גאָט וואָס דאָס קינד האָט זיך ניט איבערגעשראָקן. (וואַרפט ברעטלעך אין הרובע.) ס׳איז זייער קאַלט היינט, ס׳ברענט דער פראָסט!

באַרני: יאָ, ס׳מוז זיין זייער קאַלט היינט אין דרויסן. (זעצן זיך אייגע קעגן די אַנדערע.)

ביילקע: די מומע וועט גאָרניט באַמערקן. אַלץ אין פלאַץ, ווי געווען!

באַרני: מע וועט זיי שוין דערציילן. מע וועט זיי שוין דערציילן, אַז פּאָליציי זיינען דאָ געווען: אַזוינע הינט! (דעקלאַמירט):

און ס׳האָט דער הונט, דער לעקער דער היטער,
וואָס קריגט נאָר אַמאָל אַ מאָלצייט צו זאַט;
וואָס יאָגט און פאַרפאָלגט, מאַכט דעם לעבן אונדז ביטער:
נאָר געווינען צום ענד, וועט דער פּראָלעטאַריאַט! . . .

ביילקע: דיינע וועגן זיינען פרעמד מיר, ניי, ניט פאַרשטענדלעך, נאָר דיין וועג וועט זיין מיין וועג, וואו דיין פוס וועט טרעטן, וואו דיין קאָפּ וועט ליגן, דאָרטן וועל איך זיין!

(עס הערן זיך טריט אויף די טרעפּ.)

באַרני: זיי קומען דאַכט זיך שוין. יענקל, ניט?

ביילקע: ניט דעם פעטערס טריט!

(צוויי יונגעלייט דערשיינען.)

ערשטער: באַרני, גיך גיי אַוועק! די פּאָליציי! מע האָט אַרעסטירט לייצען און לייוויקן! . . .

צווייטער: מע האָט צוגענומען אַ סך ליטעראַטור.

ערשטער: כ׳האָב מורא, ער וועט דיך אַרויסגעבן. ער איז אַ שוואַכלינג. פּאָלג מיך, גיי פון דאַנען! קום מיט מיר. ביי אונדז וועט זיי ניט איינפאַלן צו זוכן.

צווייטער: ער איז גערעכט. גיי מיט אים!

ביילקע (טרייסלט זיך פון שרעק): זיי, זיי זיינען דאָ — דאָ גע־גע־ווען!

ערשטער: דאָ געווען? מען האָט דיך ניט אַרעסטירט? אָבער דאָך, מוזט אַוועק פון דאַנען. מיר טאָרן דיך ניט פאַרלירן!

באַרני: לאָזט מיך, לאָזט מיך קאָנצענטרירן זיך, לאָזט מיך מוחן אַ ביסל, די סיטואַציע איז זייער אָן ערנסטע! . . .

ביילקע: איז מעגלעך מען זאָל קומען נאָכאַמאָל? — אַרעסטירן?!

ערשטער: ער האָט געשריבן די פּראָקלאַמאַציע!

צווייטער: אפשר פאַרלאָזן פאַר אַ ביסל צייט די שטאָט גאַר אינגאַנצן?

ביילקע: אוי, באַרני, באַרני!

באַרני: ווער ניט אויפגערעגט, ביילקע. זיי רואיק! גייט, חברים, איך דאַרף זיך איבערטראַכטן. איך וועל אייך טרעפן אין גאַס, פאַרשטאַנען? . . .

ערשטער: מיר וועלן וואַרטן, לעבן דאָרט! . . . (צו ביילקען): גוטע נאַכט, פריילין. (ביידע אָפּ.)

ביילקע (וויינט): וואָס זאָל איך טאָן? וואָס וועט זיין, באַרני? איך וועל גיין מיט דיר!

באַרני: זיי רואיק, ביילקע. אין אַזאַ צייט מוז מען זיין רואיק, איבער־דענקלעך, קיין פאַלשן שריט ניט מאַכן: ניט האַנדלען, אַז ס'זאָל ברענגען שאָדן.

ביילקע: פאַר מיר איז דאָס אַ דונער־קלאַפּ! דו, דו קענסט דענקען, אָבער איך, איך בין צעטומלט! כ'ווייס ניט וואָס, ווען? . . .

באַרני: זיי האָבן ארעסטירט א פייגלינג; א מענטש אַ קוואַטש, אַן ווילן; מע וועט אים געבן אַ פּאָר קלעפּ וועט ער אונדז אַרויסגעבן. איך מוז אַוועק פון דאַנען! כאָטש פאַר אַ קורצער צייט, כאָטש פאַר אַ פּאָר וואָכן! מיינע חברים וועלן דיך ברענגען צו מיר און מיר וועלן באַשליסן וואָס צו טאָן, ווי צו האַנדלען, מיט דער צייט!

ביילקע (טוליעט זיך צו אים): באַרני, באַרני, וואָס זאָל איך טאָן? איך בין ווי משוגע, איך קען ניט דענקען. מיין מוח איז ליידיק, ליידיק! טעמפּ! . . .

באַרני: זיי רואיק, טייערע. דו, דו מאַכסט מיך אויך נערוועז. טו דאָס ניט! עס וועט מיר שאַדן אין מיין דענקען וואָס צו טאָן — פאַרשטייסטו?! אין מיר ברויזט אַזוי שוין אויך אַ צעמישעניש; איך ווייס אַז איך מוז קלאָר דענקען ,אין די מינוטן פון געפאַר, פאַר מיין עקזיסטענץ. טאָ זיי רואיק, אויב דו ווילסט ניט, אַז איך זאָל פאַרלירן מיין פרייהייט! איך מוז דיך איצט פאַר־לאָזן, ביילקע. מיינע חברים וועלן דיר איבערגעבן וואָס צו טאָן. וועסטו דאָס טאָן, ביילקע?

ביילקע ווישט אויס די אויגן): גיי, טייערער, גיי גלייך. גיי מיט דער הינטער־טיר. גיי גיך! (שטופּט אים מיט געוואַלד.) גיי איידער פּאָליציי קומט נאָך דיר!

באַרני: אַ גוטע נאַכט, טייערע. (קושט זי. גייט גיך אַרויס מיט דער הינטער־טיר.)

(אַ לאַנגע פּאַוזע. עס הערן זיך שווערע טריט אַרויף די טרעפּ קומען.

סע פּראַלט זיך אויף די טיר. פּאָליציי קומען מיט געטומל.)

נאַדזיראַטעל: וואו איז דער זשיד? וואו איז דער פּאַרכאַטי זשיד? האַ?! (צו ביילקען): וואו איז דער פּאַרכאַטי זשיד, פרעג איך דיך?! (טופּעט אויף איר מיט די פיס. גיט איר אַ פּאַטש אין פּנים.)

ביילקע (שטייט אַ צעטומלטע, צעשרייט זיך היסטעריש און פאַלט צו דער פּאָדלאָגע.)

פ אָ ר ה א נ ג

דער פֿאַרלאָרענער זין

געשריבן 1912

דער פאַרלאָרענער זיג

אַ דראַמע אין איין אַקט

פּערזאָנען:

מאַקס, געענדיקטער אינזשעניר.

סיידי, זיין געליבטע.

מרס. רוט, מאַקסעס מוטער.

האָפמאַן, אַ יונגער דאָקטאר, מאַקסעס אַ פריינט.



אָלגין

אין הערבסט.

א צימער מיט צווי פענצטער. א טיר פירט פון דער רעכטער זייט, באהאנגען מיט גארדינען. א בוך־שראנק. פון דער לינקער זייט פענצ־טער, א פיאנא. ביי דער טיר רעכטס לעבן בוך־שראנק, א קליינער שרייבטיש, א זאפע, טיש און שטולן. מאקס זיצט ביים שרייבטיש טיף פארטראכט. א ווינט בלאזט אריין דורכן פענצטער און לעשט די ליכט.

מאַקס (זיפצט אָפּ, שטעלט זיך, שפאנט הין און צוריק. אַ לאַנגע פּאַוזע): נו, ווי לאַנג נאָך? ווי לאַנג זיך נאָך פלאָגן? פון קלערן, פיל איך, גיי איך אַרונטער פון זינען. (עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט, עס לעשט די ליכט.) עס זאָגט מיר אַן דער הערבסט, דער טויט ער קומט . . . ווי לאַנג נאָך זיך מאַטערן? (גייט צו צום שרייבטיש, נעמט אַרויס אַ בילד, קוקט אויף דעם, קושט עס, דריקט צום הארצן.) אַך, ווי עס בענקט זיך! ס'ווילט זיך לעבן . . . נאָר ווי קען מען אַזוי לעבן? (רעדט צום בילד.) אַך, ווען דו וואָלסט וויסן ווי אומ־גליקלעך איך בין; ווען דו וואָלסט וויסן דעם שרעקלעכן סוד, וואָס איך באַהאַלט פון דיר? דו פילסט זיך גליקלעך, דו ווייסט ניט פון דעם שרעקלעכן אומגליק... היינט, צום דריטן מאָל, ווי איך האָב דערזען בלוט פון מיין האַלדז . . (הוסט זיך פאַנאַנדער, שפייט אין נאַזטיכל.) בלוט! . . . ווידער בלוט . . . אַ, שרעק־לעך, שרעקלעכער ווי דער טויט . . . (מע קלאַפּט אין טיר. ער באַהאַלט דאָס בילד.) קאָם אין! (סיידי דערשיינט.)

סיידי אַ מיטל־געוויקסיק מיידל פון אַ יאָר 22, געקליידט נעט, פריילעך): העלאָו, מאַקס! העלאָו! (נעמט אים פאַר ביידע הענט, קוקט אים אין די אויגן.) אַ, ביסטו געוואָרן שיין, מאַקס! זע ווי רויט די באַקן! האָסט זיך גאָר געמוזט אָנפאַרבן . . . אַנו, לאָמיך זען. (רייבט זיין באַק.) דאָך רויט. (שפייט אין האַנט, באַנעצט זיין באַק, רייבט עס, ווישט עס אָפּ מיט זיין נאַזטיכל.) דאָך קיין פיינט ניט!

מאַקס: מאַך זיך ניט נאַריש! ווייסט דאָך, אַז איך פאַרב זיך ניט!

סיידי: זייט עטלעכע טעג באַמערק איך, אַז דיינע באַקן ווערן רויטער און רויטער . . . ביסט אַזוי שיין געוואָרן. (קושט אים.)) אַ, מיין שיינער, ליבער מאַקס . . .

מאַקס: גענוג דיר נאַריש מאַכן זיך. (דער ווינט בלאָזט אין פענצטער.) אַ, שרעקלעך, דער הערבסט איז שרעקלעך! . . .

סיידי: איך פאַרשטיי ניט, וואָס איז מיט דיר? רייד ניט אַזוי. עפּעס פאַלט אויף מיר אַרויף אַ שרעק, אַ ווילדע שרעק . . . (אַרעמט אים אַרום.) זיי ניט אַזוי פאַרזאָרגט. איך בעט דיך. ביסט דאָך אַזוי פריילעך אימער געווען. פעלט דיר עפּעס? ביסט קראַנק? זאָג! זאָרג ניט, נאַרעלע. אַ, ווי שיין דו ביסט; איך פאַרליב זיך נאָכאַמאָל אין דיר . . .

מאַקס: וואָס?

סיידי: איך ליב דיך אַמאָל מער ווי פריער . . . אַ, דו שיינער, ליבער מאַקס. (גיט אים אַ האַרציקן קוש.) דאָס איז דעם נייעם געליבטן? . . . נו? . . .

מאַקס: וואָס?

סיידי: איך וויל אַ קוש פון דעם נייעם געליבטן, נו? . . .

מאַקס (מיט אַ געמאַכטן שמייכל): דער נייער געליבטער האָט זיך פיינט צו קושן . . .

סיידי: אָ, דו שלעכטער . . נו? . . (נויגט די ליפּן.) נו, גיכער, נו?

מאַקס: צווינג מיך ניט. לאָז מיך, איך בעט דיך, אַ געצוואונגענער קוש איז ניט באַ׳טעמ׳ט . . .

(אַ לאַנגע פּאַוזע.)

סיידי: וואָס? . . . איך האָב פון דיר אַזוינע ווערטער נאָך קיינמאָל ניט געהערט, קיינמאָל.

מאַקס: האָסט מיך קיינמאָל ניט געבראַכט צו דעם.

(מרס. רוט, אַ פרוי פון אַ יאָר 50, מיטעלן וואוקס, דערשיינט.)

מרס. רוט: (רעדט גיך און שאַרף): אָט האָסטו, מאַקסעלע, אַ בריוו. (מאַקס נעמט דעם בריוו. זי דערזעט סיידין.) סיידעלע, ביסט אויך דאָ? ביסט שוין לאַנג דאָ?

סיידי: ניין, ניט לאַנג, ערשט אַריין. (מאַקס עפנט דעם בריוו און לייענט פאַר זיך.) פון וועמען איז דער בריוו, מאַקס?

מאַקס: פון פּראָפעסאָר טערנאָוו.

מרס. רוט: פון אים אַליין? (צו סיידין): זעסט, סיידי, אַ גוטן תלמיד שרייבט דער רבי אַליין. וועסט נאָך זען, סיידעלע, ער וועט נאָך סטראַיען בריקן, ער וועט נאָך וואונדער צייגן, וועסט זען . . .

מאַקס (זיפצט אָפּ: יע, בריקן, לופט־בריקן . . . פע, אַ מיאוסע וועלט . . . (שפּאַנט הין און צוריק.)

סיידי: טאַנטע, איך ווייס ניט וואָס ס׳איז מיט אים?! ער . . . ער . . . עפּעס מאָדנע . . . ער . . . עפּעס „פאַני״ פיל איך היינט . . .

מרס. רוט: וואָס באַלעבאָטשעסטו? וואָס ער? וואָס איך?!...

סיידי: איך ווייס אַליין ניט וואָס איך רעד . . . אָט, נאַרישקייטן . . . (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ.) עפּעס דרייט מיר דער קאָפּ.

מרס. רוט: קום, נאַריש קינד דו! דאָס דאַכט זיך דיר. קום! איך וועל דיר געבן אַ גלעזל טיי מיט וואַרעניע, ערשט היינט אויסגעפּרעגלט.

מאַקס: גיי טאַקע, סיידי, און איך וועל דערווייליע ענטפערן דעם פּראָ־פעסאָר אויף זיין בריוו. גיי מיט דער מאַמען. גיי, און איך . . . און איך וועל דערנאָך אויך אַריינקומען. (סיידי און מרס. רוט אָפּ. אַ לאַנגע פּאַוזע.)

מאַקס: בריקן וועל איך בויען! . . . בריקן! . . . איך האָב, אמת, דאָס געטראַכט, און צו וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזן! . . . (נעמט דעם בריוו און לייענט אים הויך): אָקטאָבער, דעם 5טן, ניו יאָרק. טייערער מאַקס רוט. איך פאַרהאָף, אַז איר וועט קריגן אייער דיפּלאָם. איך גראַטוליר אייך פון טיפן האַרצן און איך בין שטאָלץ, דאָס הייסט איר זייט מיין שטאָלץ פון אַלע מיינע שילער. איר האָט זיך ניט געדאַרפט פיל דאגהנען, וואָס אייער דיפּלאָם איז פאַרפאַלן געגאַנגען. אַדיע. מיט גרויס רעספּעקט, פּראָפעסאָר לעאָנאַרד טערנאָוו. (זיפצט אָפּ. אַ לאַנגע פּאַוזע.) און דאָך האָט דער שיקזאַל — פע . . . מיאוס צו לעבן . . . אַ מיאוסע וועלט . . . (קליינע פּאַוזע.) ס׳אַראַ שיינע פאַנטאַזיעס פלעגט מיין מוח מיר וועבן. איז עס ווירקלעך מיאוס די וועלט? ניין! (נעמט דאָס בילד, קוקט לאַנג און זיפצט אָפּ.) ווי קען זיין מיאוס די וועלט, ווען זי האָט אַזוינע שיינע קינדער! אָך, ווי עס ווילט זיך לעבן! ס׳איז שרעקלעך צו דענקען פון טויט . . . בעסער פלוצים געהרגעט ווערן, איידער פילן אַז איך לעב און בין אַ טויטער . . . ערשט מיט עטלעכע טעג פריער האָט נאָך געשיינט פאַר מיר די זון . . . מיט עטלעכע טעג פריער האָט פאַר מיר טויזנטער גליקן דער

מוח געוועבט. און איצט האָט זי אין אַ בלוטיק טונקעלער פינצטערקייט זיך פאַרצויגן. פאַר מיינע אויגן — פינצטער. בלוט און טויט זע איך. איך זע דעם קבר פאַר די אויגן . . . (מעסט מיט די הענט די ברייט און די לענג פון קבר.) אַך, לעבן ווילט זיך! איך בין נאָך יונג . . . נאָך יונג בין איך. (פאַלט אין שטול, לענט אָן דעם קאָפּ אָן שרייבטיש. עס הערט זיך אַ פאַרשטיקטער געוויין. ערווישט אויס די אויגן מיט דעם נאָזטיכל.) אָ, טייוול, טייוול! דו האָסט געשפּילט מיט מיר אַ בלוטיקן שפּאַס. האָסט פילע ליכטיקע זונען מיר באַוויזן: דאָס איז פאַר דיר, דאָס איז דיין צוקונפט . . . און איצט לאַכסטו, דו טייוול . . . דיין פּלאַן איז פאַרטיק, פאַרטיק . . .

(סיידי דערשיינט.)

סיידי: מאַקס, האָסטו שוין פאַרענדיקט דעם בריוו?

מאַקס: אַך, שיקזאַל, שיקזאַל . . .

סיידי: מאַקס, האָסטו שוין פאַרענדיקט דעם בריוו?

מאַקס: אַ בלום איז צעטראָטן געוואָרן . .

סיידי: מאַקס, וואָס רעדסטו?

מאַקס (כאַפּט זיך אויף): האַ! וואָס? דו?

סיידי: וואָס איז מיט דיר? צו וועמען רעדסטו?

מאַקס: האָסט אַלעס געהערט?

סיידי: איך פאַרשטיי דיך ניט!

מאַקס: ביסט לאַנג דאָ? כאַ־כאַ־כאַ! איך האָב געוואָלט זיין אַ טרוי־מער . . . פאַנטאַזירן . . . ווירקלעך, איך האָב באַקומען הויכע געדאַנקען . . . ווירקלעך, איך ווייס ניט ווי דאָס האָט זיך אין מיר פאַרקליבן. (פּאַוזע.)

סיידי: איך האָב נעכטן געלייענט אין אַ ראָמאַן, ווי איינער האָט פּלוצ־לינג אָנגעהויבן שרייבן לידער.

מאַקס: ווי אַזוי?

סיידי: ער איז געזעסן אַזוי אין זיין צימער, איינזאַם, זיין האַרץ האָט געבענקט און געקלעמט. ער איז געווען יונג. ער האָט זיך געלערנט זייער פּליי־סיק, ער האָט געוואָלט זייער גיך זיין ציל דערגרייכן.

מאַקס: נו? נו? נו?

סיידי: לאָז, שלאָג ניט איבער. און ווען ער האָט דערגרייכט זיין ציל, האָט ער באַקומען לונגען־פעלער און —

מאַקס (ציטערט): און . . . און וואָס ? . . .

סיידי: ער האָט געדאַרפט גיין חתונה האָבן מיט אַ רייכער מיידל (מאַקס ציטערט) און די כלה האָט זיך דערוואוסט . . .

מאַקס: אַז וואָס? אַז . . .

סיידי: אַז ער שפּייט מיט בלוט . . . מיט שטיקער לונגען . . .

מאַקס (ציטערט): און האָט אים וואָס? . . .

סיידי: און האָט אים אָנטזאָגט.

מאַקס (זיפצט טיף. אַ לאַנגע פּאַוזע.)

סייד: אָ, ווי שרעקלעך ער האָט געליטן! שרעקלעך! ווער קען דאָס אַזוי איבערדערציילן?

מאַקס: גאַנץ ריכטיק געהאַנדלט!

סיידי: ווען איך האָב אים געלייענט, האָב איך געפילט אַזאַ מיטלייד מיט אים און אַזאַ האָס צו איר, אַז איך וואָלט זי געריסן פאַר די האָר.

מאַקס: גאַנץ ריכטיק, אַרעמער יונג . . .

סיידי (גלעט זיין קאָפּ, קושט זיין שטערן): מסתמא האָט זי אים ניט געליבט. אָ, ווען זי וואָלט אים געליבט ווי איך דיך, וואָלט זי ניט געוואָגט . . .

מאַקס: וואָס דען? ווי האָט זי דען אַנדערש געקענט?

סיידי: גיי, רייד ניט אַזוי! רייד ניט, איך בעט דיך!

מאַקס: איך מוז דיר זאָגן, זי האָט ריכטיק געהאַנדלט.

סיידי: ניין, גאָר ניט ריכטיק. ווען אַ פרוי ליבט, קען זי דאָס קיינמאָל ניט טאָן.

מאַקס: דאַרף זי עס טאָן!

סיידי: דו האָסט גאָר געדאַרפט זיין אַ פרוי, ווי עס נעמט זיך אָן.

מאַקס: איך ווייס אַליין ניט. איך רעד און איך ווייס ניט וואָס.

סיידי: געוויס, געוויס! ווי קומט אַ מאַן אַזוי צו ריידן?

מאַקס: ווען די נשמה איז פאַרביטערט און פאַרצווייפלט, דאַן רעדט די ווירקלעכקייט אַליין . . .

סיידי: וואָס? איך פאַרשטיי ניט.

מאַקס: אַלץ איינס, פריער־שפּעטער, די צייט וועט דאָך קומען. דער שוואַרצער שלייער וועט דאָך מוזן איינהילן; קוים האָט זיין ווילן פאַרלאַנגט, איז אַלעס צו ענדע . . .

סיידי: איך פאַרשטיי אַלץ ניט!

מאַקס: ס׳איז בעסער פאַר דיר, קינד, בעסער. הלוואי וואָלסטו דאָס גאָר ניט פאַרשטאַנען . . .

סיידי (אויפגערעגט): וואָס רעדסטו? וואָס שרעקסטו מיך?

מאַקס (צעמישט): איך ווייס ניט! איך ווייס אַליין ניט וואָס איך רעד! וואָס האָב איך געזאָגט? האַ? . . .

סיידי (טאַפּט אים פאַרן קאָפּ): האָסט היץ! ער רעדט פון היץ! מומע, מומע, גיכער אַריין. שנעלער, מומע.

מרס. רוט (ראַש אַריינקומענדיק): וואָס איז געשען? וואָס? (מאַקס זיצט באַוועגלאָז. כאַפּט אים אַרום.) מיין קינד, מיין זון! וואָס איז געשען? ווי איז מיר, וויי!

מאַקס (קומט צו זיך): אוי, בין איך מיד!

מרס. רוט (נעמט אים צערטלעך, סיידי העלפט אים, מען לייגט אים אויף דער זאָפע): רו זיך אויס, מיין קינד! (צו סיידין): וואָס איז דאָ געשען?

מאַקס (מיט אַ געמאַכטער מונטערקייט): גאָרניט! ס׳האָט זיך מיר פאַר־דרייט דער קאָפּ, מעגלעך פון מאָגן . . .

סיידי: ער האָט עפּעס גערעדט . . .

מאַקס (לייגט אַרויף זיין האַנט אויפן מויל, זי זאָל שווייגן.)

סיידי: איך ווייס אַליין ניט; עט, נאַרישקייטן; ווייס איך וואָס? פון היץ מסתמא . . . כאַ־כאַ־כאַ . . .

מרס. רוט: רעד, דערציידל, דאָ איז עפּעס צווישן אייך פאָרגעקומען. דו קענסט, איך ווייס עס, דו קענסט דערגיין די יאָרן! דו קענסט דערטאַפּן דעם לעבער . . .

מאַקס: רעד ניט אַזוי! ווי קענסטו רעדן אויף איר אַזוי?

סיידי (לויפט־צו צו מאַקסן, פאַלט־צו אויף די קני, וויינט שטיל): וואָס בין איך שולדיק?

מרס. רוט: וואָס דען איז דאָ פאַרגעקומען?

סיידי: אָ, מומע, אוי, ווי איך לייד; זייט עטלעכע טעג איז ער שוין אַזוי. איך ווייס ניט, איך בין ניט קלוג אויף דעם.

מרס. רוט: ס'האָט זיך מיר היינט אַ שרעקלעכער חלום געחלומט. טפו... טפו.. (שפּייט אויס) זאָל גאָט אָפּהיטן...

סיידי: און מיר אויך!

מרס. רוט: וואָס האָט זיך דיר געחלומט?

סיידי: איך האָב געלייענט אַ ראָמאַן נעכטן, אוי, שרעקלעך . . . שרעק־לעך . . . איך וויל נישט ריידן; פרעגט נישט, מומע . . .

מאַקס: אַ חלום איז די גאַנצע וועלט . . . פאַר איינעם שיינט די זון . . . פאַר אַ צווייטן אַ פינצטערע נאַכט . . . פע, אַ מיאוסע וועלט . . .

מרס. רוט: רייד ניט אַזוי, מיין קינד! ביסט נאָך אַ יונג קינד, רייד ניט אַזוי! ווייסט נאָך ניט, וואָס הייסט לעבן. אָט! (ווייזט אָן אויף סיידין.) וועסט חתונה האָבן, וועסט קינדער האָבן, אַ מאַן זיין, אַ פאָטער זיין . . . — ביסט נאָך אַ קינד, מיין זון.

מאַקס: קיין קינד! אָבער גאָר יונג פאַרבליט . . .

מרס. רוט: וואָס איז מיט דיר, מיין קינד? (צו סיידין): ער מוז ריידן פון היץ!

סיידי: האָב איך אים נישט געזאָגט?!

מאַקס: מאַמע, איך בין אַזוי דורשטיק!

מרס. רוט: יע, מיין קינד. איך טראָג גלייך אַריין. גלייך, מיין קינד. (אָפּ)

סיידי (זעצט זיך לעבן מאַקסן אויף דער זאָפע): מאַקס, ליבער מאַקס, וואָס פעלט דיר? . . . אוי, ווי איך לייד! . . .

מאַקס (טוט זי ראָש אַ צי צו זיך, קוקט איר אין די אויגן, קושט זי פיל און ליידנשאַפטלעך.)

סיידי (וויינט און טוליעט זיך צו אים): גוטער, ליבער מאַקס!

מאַקס: שפּיל מיר עפּעס, סיידעלע. שפּיל יענעם אומעטיקן מאַרש. אוי, ווי איך ליב עס צו הערן! . . .

סיידי: אומעטיקס! ניין, מאַקס! ס'איז מיר אַזוי אויך אומעטיק. דאָס האַרץ איז אַזוי פאַרקלעמט. וויינען ווילט זיך. (זי ווישט די אויגן. מרס. רוט דערשיינט.)

מרס. רוט טראַגנדיק אַ גלאָז מילך): מאַקסעלע, דיין פריינט, דער יונגער דאָקטאָר, איז דאָ. (האָפמאַן דערשיינט.)

האָפמאַן (אַ יונגערמאַן פון 28 יאָר, שיין געקליידט): גוד איוונינג! (גיט סיידין די האַנט און גייט־צו צו מאַקסן און גיט אים די האַנט.) גאָר קראַנק! היי! נעם זיך ניט איבער! (צו סיידין): ער נעמט זיך איבער ביי אייך!

סיידי (פאַרשעמט, קאָלופּעט די נעגל): וועל, איך בין צופרידן מיט דעם. כע, כי . . .

מרס. רוט: אַנו, הער דאָקטאָר, טוט אַ קוק וואָס אים פעלט!

האָפמאַן: וואָס אים פעלט? איך דערקען אין זיינע אויגן וואָס אים פעלט. — אַ פינף הונדערט טויזנט דאָלער! (זיי לאַכן, מאַקס שמייכלט אויך. צו מאַקסן): געטראָפן? יע, מאַקס? דאָס פעלט דיר?!

מאַקס: פאָרט אַ דאָקטאָר! נאָר פאַרשטייט אַ קרייענק . . .

האַפּמאַן: איאַ, איך פאַרשטיי. (צו סיידין): איאַ, גוט אַריינגעזאָגט.

סיידי (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ: נאָך ווי גוט!

מאַקס: אַלע פאַרשטייען מיך. אַלע חכמים, דאָקטוירים, אינזשינערן. ע, ע, ע, אַלץ אַ חלום. פע, ווי נאַריש דאָס אַלעס איז . . נאַריש און גאָר . . .

האַפּמאַן: נאַ, אַ גאַנצער פיליזאָף! נאָך אויף דעם ברעכן דעם קאָפּ?! זעץ זיך און פאַרברענג מיט אונדז און פילאָזאָפיר נישט . . .

מאַקס: יאָ, דער מענטש איז ווי אַ זייגער: דרייסט אים אָן, גייט ער; מען פילט אָן דעם מאָגן, לעבט זיך. נאָר פלוצים סטאָפּט דער זייגער. הויבסט אָן זוכן, דרייען, — עס גייט פאָרט ניט, עס וויל ניט גיין. נו, טראָגסטו עס מסתמא אַריין צו אַ זייגערמאַכער, און דער זייגער־דאָקטאָר ווייזט אָן: זעסט אָט דאָס הערעלע, — דאַכט זיך ניט מער ווי אַ הערעלע . . . אָבער אַז דאָס האָט געפּלאַצט, טויג שוין ניט דער זייגער . . . אָט דאָס הערעלע . . . פאַר־שטייסט, אָט דאָס הערעלע האָט געפּלאַצט . . .

האַפּמאַן: עפּעס רעדסטו מיט מיר „פּאַני". איך פאַרשטיי דיך ניט.

מאַקס: ווי קומט אַ דאָקטאָר פאַרשטיין אַן אינזשינער: דיין קאָפּ איז פאַרדרייט מיט אַנדערע געדאַנקען, און מיינער מיט אַנדערע . . .

האַפּמאַן: אפשר וואָלסטו זיך גאָר גענומען צו פילאָזאָפיע?

מאַקס (זעצנדיק זיך): קענסט לאַכן. אימער לאַכט מען פון אַן אַנפאַנגער. אָבער דערנאָך, צו ענדע — אַ, דאַן! . . .

האַפּמאַן: דאַן שטעלט מען אים אַ מאָנומענט, אַ דענקמאַל . . .

מאַקס: יאַ, יאַ . . . ווי זאָגט דאָרט דער דיכטער:

„ווי גליקלעך איז דער מענטש,
וואָס דענקט אַז זיין גליק־שטונדע האָט שוין געשלאָגן;
ווי אומגלעקליך דער מענטש,
ווען זיין זון פאַרגייט אין אָנפאַנג טאָגן . . ."

האַפּמאַן: ביסט ווירקלעך געוואָרן אַן אַנדער מענטש; ווירקלעך הויכע געדאַנקען!

סיידי: אָבער וואָרום ביסטו אַזוי טרויעריק ווען דו רעדסט? אָ, ווי דאָס שרעקט מיך!

מאַקס: גערן וואָלט איך איצט וועלן זיצן אַליין, איינזאַם, איינזאַם . . . מיט מיינע געדאַנקען. (צו סיידין): שפּיל עפּעס, סיידי, שפּיל יענעם טרויער־מאַרש. אַך, ווי ער קלינגט מיר אין די אויערן . . .

סיידי: נאָר טרויער . . . וואָרום ניט עפּעס פריילעכס?

מרס. רוט: וואָרום ניט פריילעכס, מיין זון? עס איז אַזוי אויך שווער אויפן האַרצן, מיין קינד.

(אַ לאַנגע פּאַוזע. עס הערט זיך פידל. אַלע שווייגן.)

מאַקס: ווער שפּילט דאָס? אָ, ווי האַרציק! . . . ווי האַרציק! . . .

מרס. רוט: האַרציק איז דאָס ביי אים! מיר ווילט זיך וויינען פון דעם. (דער ווינט בלאָזט און לעשט די ליכט.) ס'אַזאַ ווינט און קעלט עס איז געוואָרן! צומאַכן די פענצטער אפשר, מאַקס? (עס הערט זיך דאָס בילן פון הינט.) איר הערט די הינט וואָיען, קינדער. גאָט זאָל אויסהיטן . . .

מאַקס: און צופעליק וועט אימעצער שטאַרבן . . . און דאַן וועט איר זאָגן: די הינט . . . די הינט האָבן געבולן . . . אַ, געגנוג! (צו דער מאַמען):

גייט אַריין אין יענעם צימער. איך וועל זיך דאָ איבערטאָן און אַריין מיט אייך פאַרברענגען.

מרס. רוט: מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! קומט, קינדער! (אַלע דריי אָפּ.)

מאַקס: ענדלעך בין איך אַליין, אַליין מיט מיינע געדאַנקען. איך פיל, אַז די לעצטע שעה האָט געשלאָגן . . . אונטערן האַרצן דריקט אַזוי שווער . . . דריקט . . . (פאַרטראַכט זיך.) אַך, ס'ווילט זיך לעבן, לעבן . . . לעבן ניט פאַר זיך, נאָר פאַרן צווייטן. מיין מוטער, מיין סיידעלע, איר ביידע וועט טרויערן, פאַר אייך ביידן וועט דאָס זיין ווי אַ פּלוצלינגער דונער־קלאַפּ . . . אַך, ווי עס דריקט. (כאַפּט זיך פאַר דער ברוסט.) צו שוואַך אַריבערצוטראָגן די שמערצן בין איך. (גייט־צו צום שרייבטיש, נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער, באַטראַכט אים.) איין דריק און אַ סוף צו מיינע שמערצן! אָ, דער געדאַנק פון זעלבסטמאָרד אַז עס קומט אין מוח, איז שווער ביי צושטיין . . . שווער . . . (וואַרפט דעם רעוואָלווער צו דער ערד.) שרעקלעך . . . אַלערליי געדאַנקען . . . טויט, לעבן; לעבן, טויט . . . (פאַרטראַכט זיך.) לעבן און זיין אַ טויטער איז בעסער? . . . אַרומגיין אויף דער וועלט און וויסן, אַז איך בין אַ לעבעדיקער מת? — אוי, ווי שרעקלעך דאָס איז? איז ניט בעסער צו באַגיין זעלבסטמאָרד? איינס־צוויי, און שאַ, און שטיל, ווי גאָר ניט געווען . . . (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ.) עס ווילט זיך פאָרט לעבן. דאָס גליק שטייט פאַר די אויגן — מיין גליק . . . און איך קען עס ניט האָבן . . (לענט זיך אָן אָן שרייבטיש און וויינט, ווישט די אויגן.) פאַרטיקע אַרבעט פאַרניכטעט . . .

(סיידי דערשיינט, בלייבט שטיין ביי דער טיר. מאַקס זעט זי ניט. זי הערט זיך צו צו זיינע רייד.)

מאַקס: פיר יאָר געשמאַכט בייטאָג און ביינאַכט: בייטאָג געאַרבעט, ביינאַכט געלערנט; דערנערט אַ מוטער, אַ ציל דערגרייכט . . . (נעמט דאָס בילד.) און דיך, מיין טייערע, דיך אויך באַזיגט . . . (הוסט זיך פאַנאַנדער און שפּייט אין נאָזטיכל.) בלוט?! . . . ווידער בלוט? . . .

סיידי כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ): גאָט אין הימל! . . . ער שפּייט מיט בלוט . . . (זי ציטערט קאָנוואולסיוו. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם פאַלט זי אויף דער זאָפע. מאַקס קוקט די גאַנצע צייט אויף דעם בלוט, און זעט ניט, הערט ניט אַרום זיך.)

מאַקס: בלוט . . . ווידער בלוט . . . (שרייט מיט אַלע קרעפטן, ווילד.) איך האָב געזיגט און האָב פאַרלאָרן! . . .

(האָפמאַן און מרס. רוט גייען ראַש אריין).

מרס. רוט (לויפט צו צו מאַקסן): וואָס איז געשען, מיין זון?

האָפמאַן (דערזעט סיידין באַוועגלאָז): זעט, וואָס דאָ טוט זיך! זעט! (לויפט צו צו סיידין, נעמט איר פּולס.) זי איז טויט! . . .

מרס. רוט: וואָס ט'איר געזאָגט? . . . (העכערט דעם טאָן.) וואָס ט'איר געזאָגט? . . .

האָפמאַן: זי איז טויט . . . וואַרשיינלעך פון האַרצשלאַג . . .

מרס. רוט: גאָט אין הימל! . . . (צו מאַקסן): מאַקס, מיין קינד, אַן אומגליק האָט אונדז געטראָפן! . . .

מאַקס (קוקט זיך אום): וואָס איז געשען? (דערזעט סיידיס טויטן קערפּער.) טויט? . . . זי איז טויט? ווירקלעך? . . . (לויפט צו און נעמט זי פאַר דער האַנט.) אוי, ווי קאַלט! . . . (קורצע פּאַוזע.) האָט די זון איר לעצטן

וואַרעמען שטראַל פאַרלאָשן פאַר מיר? . . . זאָגט! (צו די אַרומיקע): וואָס שווייגט איר? וואָס שטייט איר אַזוי? . . . (קוקט אויף דער טויטער.) ביסט טויט? . . . (בליקט ווילד אַרום זיך, פאַלט איר אויף דער ברוסט, דריקט זיך צו איר.) אין בין דיינער, דיינער, דיינער . . . כאַ־כאַ־כאַ! . . .

פ אַ ר ה אַ נ ג.

1912. געדרוקט 1914. גורעוויטש פאַרלאַג.

אייפערזוכט צווישן געטער

(אַ דראַמאַטישע פּאָעמע)

דיכטער (פאַרטראַכט, דערזעט אפּאָלאָ פאַר זיך. אַנטציקט):
פּרעכטיקער, וואונדערבאַרער שיינער מאַן,
איז נאָך אַ שיינער ווי דו אויף דער וועלט פאַראַן?
איך האָב דיך אין טרוים שטענדיק געזען
און שטענדיק דיין שיינקייט מקנא געווען.

אפּאָלאָ (מיט אַ בלומען־קראַנץ אויפן קאָפּ)
דו האָסט מיר מיין שיינקייט מקנא געווען? ———
איך בין אָבער קיינמאָל ניט גליקלעך געווען.
אין אָנפאַנג אַ ביסעלע גליק נאָר געזען
און ווייטער נאָר ליידן — ניט ווידער צו שטיין . . .

דיכטער (פאַרוואונדערט):
אפּאָלאָ — אומגליקלעך? וואָס זאָל דאָס באַטייטן?
דו, שענסטער גאָט פון מענלעכן מין!
יעדע פרוי וואָלט איר געליבטן פאַרבייטן —
שיינער אפּאָלאָ, דערקלער מיר דעם זין . . .

אפּאָלאָ:
און טאָקע ווייל ס'וויל יעדע פרוי מיך באַזיצן:
אַרארא, זי וויל מיך אינגאַנצן אַליין,
און ווענוס, די אויגן ביי איר מיט פייער שוין שפּריצן,
און קלעאָפּאַטרא איז אויך אַזוי שיין . . .

דיכטער:
טאָ וואָס זשע באַקלאָגסטו זיך, געטלעכער שיינער?
פּרויען — אַזויפיל, און דו ביסט נאָר איינער . . .

אפּאָלאָ:
אָט דאָ ליגט די צרה, דערפאַר — מיינע ליידן,
עס וויל אויך דיאַנא מיך האָבן פאַר זיך.
זי האָט שוין די פיילן פאַרשאַרפט, און דעם בויגן
פאַרצויגן . . . אַלץ פאַרטיק געמאַכט.

דיכטער:

וואָס אַרט דיך, אַפּאָלאָ? — איינע וועט בלייבן,
די שטאַרקסטע וועט בלייבן פאַר דיר . . .

אַפּאָלאָ:

אָ, דיכטער, ווי קענסטו עס ריידן אַזוי?
צי קען דען אַ מאַן שטענדיק ליבן איין פרוי?
איז קלעאָפּאַטרא ניט שיין?
איז אַראַרא ניט פול מיט חן?
און ווענוס? — דער צויבער אַליין,
און דיאַנא קען שיסן אין ציל . . . . —
קיין איינע פאַרלירן, אַ־דאָס וואָס איך וויל . . .

דיכטער:

אַפּאָלאָ, ניט נאָר ביסטו שיין, ביסט אויך קלוג,
דיין קוק איז טיף און זיניק;
דיך האָבן ניט אומזיסט די פרויען געמאַכט
פאַר זייער הערשער און קיניג . . .

אַפּאָלאָ:

איך מוז דיך פאַרלאָזן, דיכטער.
קופּידאָן דאַרף אָנקומען באַלד —
דיאַנא שיקט אים זוכן מיך,
זי שטייט און באַוואַכט דאָרט דעם וואַלד.

(אַפּאָלאָ גייט אַוועק; קופּידאָן קומט אָן.)

(קופּידאָן האָט געגרייזלטע הערעלעך מיט פליגעלעך; טראָגט פייל און בויגן און אַ רויט האַרץ. ער זוכט אַפּאָלאָן.)

קופּידאָן:

ווידער אים פאַרלוירן,
זוך אים שוין יאָרן
און קען אים ניט געפינען . . .
איבער ימים פלי איך,
איבער לענדער צי איך
צו איינע אים פאַרשפּינען . . .

דיכטער:

קופּידאָן ליבער, קופּידאָן,
אומזיסט איז דיין זוכן:
וועסט אים ניט געפינען —
ווילסט צו איינע אים פאַרשפּינען?
אַפּאָלאָ ט׳דיך פאַרפלוכן
און וועט פון דיר אַנטרינען.

קופּידאָן:

דיאַנא וויל אים האָבן! . . .

דיכטער:

זאָל זי אים דעראָבן
אויב זי וויל אים האָבן! . . .

קופּידאָן:

דיאַנא הערשט מיט פייל און בויגן,
אַלצדינג קריגט זי, וואָס זי וויל;
וואו נאָר ס׳פאַלן אירע אויגן,
פליט איר פייל און טרעפט אין ציל . . .

דיכטער:

וואָס זשע אַרט דיך? קופּידאָן קליינער —
לאָז אים זיין פאַר אַלע איינער,
אים צו האָבן קען ניט איינע,
מעג זי זיין די שענסטע־שיינע . . .
ווייל קיין מאַן קען ניט ליבן איינע,
מעג זי זיין אַ וואונדער־שיינע . . .

קופּידאָן:

ווען מיין פייל וועט אים נאָר טרעפן,
וועט ער ליבן טאַקע איינע,
מעג אַפילו זיין קיין שיינע . . .

דיכטער:

קופּידאָן קליינער, גאָט פון ליבע,
לערן אויס מיך די קונסט פון ליבע.
מיט וואָס באַפּיילסטו דיינע פיילן,
וועלכע טרעפן גלייך אין ציל?

קופּידאָן:

מיינע פיילן שמיד איך אויס מיר
פון די ערשטע ליליען־שפּראָצונג,
און באַפּייל זיי מיט די בליאונג
פון די רויטע־בלוטיק רויזן
און באַטונק זיי אין די בלוטן
פון די יונגע קינדער־הערצער,
וועלכע הויבן ערשט אָן טרוימען
מיט פאַרחלומט גרויסע אויגן,
מיט געפילן ניי דערוואַכטע,
וועלכע שלאָגן אויס אין האַרצן
דורך די בלוטן . . . אָט די בלוטן
נוץ איך פאַר די פיילן מיינע . . .

דיכטער:

און דו טרעפסט מיט זיי אין האַרצן
און פאַרשיכורסט זייער בלוט?

קופּידאָן:

אויב איך האָב מיין פייל באַטונקט נאָר
אין די בלוטן פון דאָס מיידל,
וואַרף איך אים אין האַרץ פון בחור;
אויב איך האָב מיין פייל באַטונקט נאָר
אין די בלוטן פון דעם בחור,
וואַרף איך אים אין האַרץ פון מיידל.

דיכטער:
קלייבסטו אויס כאַטש, קלענער גאָט דו,
גלייכע פּאָרלעך, פּאָרסט צוזאַמען? . .

קופּידאָן:
זוכן זוך איך גלייכע פּאָרלעך
פון די אַלע ברעגן, וועלטן,
און איך ברענג זיי דאַן צוזאַמען,
ווי דער דיכטער זיינע גראַמען,
און איך בוי פּאָר זיי געצעלטן,
ווי אַ דיכטער טרוימט אויס לידער . . .
טיף אין האַרצן און אין מוח
און פּאַרפיום זיי מיט ליבעס ריח . . .

דיכטער:
זאָג מיר, דו, קופּידאָן קלענער,
זוכסטו פּאָרלעך אויס נאָר גלייכע?
ווי זשע קומט עס, איך קען פּאָרלעך,
וואָס לעבן ווי די קעצלעך,
רייסן זיך די נעז אַרונטער
און דו רופסט דאָס אייביקע ליבע? . . .

קופּידאָן:
ניין, דו, דיכטער, טרוימער מיינער,
דאָס איז ניט מיין בלומען־אַרבעט,
דאָ האָט ניט מיין פייל געשאָסן,
דאָס איז אַרבעט פון ציגיינער,
וועלכע קויפן זיך אַ מיידל,
אָדער ס׳העלפט זיי צו אַ שדכן,
אָדער ס׳קומט אַריין אין מיטן
גאָט מאַמאָן מיט זיינע נעגל . . .
וואו נאָר מיינע פיילן שיק איך,
רו מיט ליבע דאָרט באַגליק איך . . .

(פון ווייטן קומט אָן אפּאָלאָ.)

דיכטער:
אפּאָלאָ קומט.

קופּידאָן (נעמט זיין פייל און בויגן):
איך וועל אים שוין איצטער פּאַקן,
מיינע פיילן וועלן קנאַקן,
איינס נאָך איינס, איך מוז אים פּאַנגען,
זיין האַרץ דיאַנאַן צו דערלאַנגען . . .

אפּאָלאָ (דערשיינט מיט פיילן באַשאָסן, בלוט רינט. דערזעט קופּידאָן):
אַהאַ, דו ביסטו דאָ?
דיינע פיילן, זיי האָבן קיין ווערט.
צעלעכערט דאָס האַרץ האָט דיאַנאַ . . .
דו נעם בעסער די פיילן אַרויס פון מיין האַרץ,

לינדער מיין שמאַרץ.
זי האָט גיפטיקע פיילן געשאָסן.

דיכטער:

אייפערזוכט גיפט?

אפּאָלאָ:

ווילד און באַלאַדן מיט פיילן און מיט בויגן,
מיט שוים אויף די ליפּן, מיט פייער די אויגן,
איז דיאַנא געשטאַנען, געוואָרפן די פיילן,
ניט מיך ט׳זי געמיינט מיט די פיילן צו טרעפן.
געוואָלט האָט זי ווענוס צערייסן אין שטיקער;
אראַרא געכאַפּט האָט אַ פייל פון איר אויכעט.
קלעאָפּאַטרא, איך ווייס ניט, איז נעלם געוואָרן . . .
און איך מיט מיין קערפּער האָב ווענוס פאַרטיידיקט,
איצט זעט וויפיל פיילן ביי מיר איז אין קערפּער . . .

דיכטער:

אייפערזוכט האָט עס דיאַנאן געטריבן,
איצטער איז וואָס נאָך פאַר איר דען פאַרבליבן? . . .

אפּאָלאָ:

און דו, קופּעדאָן, ווארום שטייסטו צעטראָגן?
וואָס האַלטסטו דיין בויגן אַרונטער געלאָזן?
אומזיסט האָסטו יאָרן נאָך מיר זיך געיאָגן,
מיך האָסטו פאַרלוירן — גיי שיס דיינע האָזן . . .

דיכטער:

אפּאָלאָ, קופּידאָן האָט דעם בויגן צעבראָכן,
זיינע פיילן צעוואָרפן . . .
זעסט ווי ער רייסט זיין בלוט־רויטע האַרץ?
זעסט ווי עס ווייַנט — זיינע טרערן זיך גיסן,
בלוט־רויטע טרערן ————— ! . . .

⁂